STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05789

DER ROYTER GELEKHTER

Leonid Andreyev

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער רויטער געלעכטער

פון לעאניד אנדרעיעוו

איבערזעצט פון

ש. ראזענפעלד

(רעדאקטאר פון „פריינד“)

פרייז 20 סענט

ארויסגעגעבען פון

MAX JANKOVITZ

139 DIVISION ST. N. Y.

דער רויטער געלעכטער

ערשטעס קאַפּיטעל.

... משוגעת און שרעק.

דאָס ערשטע מאָל האָב איך עס דערפיהלט, בעת מיר זענען געגאַנגען מיט יענעם וועג — געגאַנגען צעהן שעה כסדר, ניט אָבשטעלענדיג זיך, ניט מאַכענדיג קיין קלענערע טריט, ניט אויפהויבענדיג די געפאַלענע און זיי געלאָזט דעם שונא, וועלכער איז אין געדיכטע מאַסען אונז נאָכגעגאַנגען, און אין דריי, פיער שעה אַרום האָט ער מיט זיינע פיס אָבגעווישט די סמנים פון אונזערע פיס. ס'איז געווען אַ היץ. וויפיעל גראַד ס'איז געווען, פיערציג, פופציג, אָדער מעהר, ווייס איך ניט. איך ווייס נאָר, אַז עס איז געשטאַנען אַ גלייכע, אומ'ברחמנות'דיגע, טיעפע היץ. די זון איז געווען אַזוי גרויס, אַזוי פייערדיג און שרעקליך, גלייך ווי די ערד וואָלט געהאַט צוגעגאַנגען גאָר נאָהענט צו איהר, און וועט באַלד פערברענט ווערען אין דעם העלישען פייער. און די אויגען האָבען ניט געקוקט. דאָס קליינע איינגעשרומפּענע שוואַרצאַפּעל, קליין ווי אַ מאָן, האָט אומזיסט געזוכט פינסטערניש אונטער די אַראָבגעלאָזטע ברעמען; די זון האָט דאָס דינע הייטעל דורכגענומען און איז מיט בלוטיגען ליכט אַריינגעקראָכען אין'ם אויסגעמאַטערטען מוח. נאָר אַזוי איז פּאָרט געווען בעסער, און איך בין לאַנג, אַפשר עטליכע שעה נאָכאַנאַנד, געגאַנגען מיט פערמאַכטע אויגען, הערענדיג, ווי אַרום מיר ריהרט זיך אַן אונגעהייערע מאַסע: אַ שווערעם און ניט גלייכעם טופּען מיט פיס פון מענשען און פערד; אַ קריצען פון אייזערנע רעדער צורייבענדיג קליינע שטיינדעלעך; אַ שווערעם קרעכצען און אַ טרוקען טשמאָקען מיט פערטריקענטע

ליפּען. נאָר קיין ווערטער האָב איך ניט געהערט. אַלע האָבען גע־שוויגען, גלייך ווי אַ מחנה פון שטומע וואָלט עס געווען אין בעווע־גונג. דער וואָס איז געפאַלען, איז געפאַלען שווייגענדיג, און די וואָס האָבען זיך אָן דעם געפאַלענעם געשטרויכעלט און אויך גע־פאַלען, זענען אויפגעשטאַנען שווייגענדיג, און ניט ארומקוקענדיג זיך — ווייטער געגאַנגען, גלייך ווי אָט די שטומע וואָלטען געווען בלינד און טויב אויך. איך אַליין האָב זיך עטליכע מאָל פער־טשעפּעט און געפאַלען, דעמאָלט האָב איך ניט ווילענדיג אויפגע־עפענט די אויגען, — און דאָס וואָס איך האָב געזעהען, האָט אויס־געוויזען ווי אַ ווילדע, אויסגעטראַכטע זאַך, ווי אַ שווערעס ריידען פון היץ. וואָס די משוגע געוואָרענע וועלט האָט גערעדט. די פונ־אנדערגעגליהטע לופט האָט געציטערט, און שטיל, גלייך ווי זיי וואָלטען ווען אווקשווימען, האָבען די שטיינער געציטערט. און די מענשען אין די ווייטע רייהען, די הארמאַטען און די פערד האָ־בען זיך ווי אָבגעטיילט פון דער ערד און זיך געריהרט ווי פער־גליווערט, אָהן אַ שום שאָרך — גלייך ווי ניט־לעבעדיגע מענשען נאָר רוחניות׳דיגע שאָטענס זיינען געגאַנגען. די אונגעהויער גרוי־סע נאָהענטע, שרעקליכע זון האָט אָנגעצונדען טויזענדער קליינינ־קע, פערבלענדענדיגע זונען אויף יעדער ביקס, אויף יעדער שטי־קעל מעטאַל, און פון אומעטום, פון די זייטען און פון הינטען, זיי־נען זיי, ווייסע־פייערדיגע, שאַרפע ווי די ווייסע גליהענדיגע שפּי־צען פון די פיקעס, געקראָכען אין די אויגען אריין. די ברענענ־דיגע, טרוקענמאַכענדיגע היץ האָט דורכגענומען דעם קערפּער, און צומאָל האָט זיך אויסגעוויזען, אז ניט אַ קאָפּ שאָקעלט זיך אויף די פּלייצעס. נאָר עפּעס אַ משונה׳דיגער, אונגעוועהנליכער באַל, אַ שווערער און אַ גרינגער, אַ פרעמדער און אַ שרעקליכער.

און דעמאָלט — דעמאָלט האָב איך זיך פּלוצלונג דערמאָנט אָן דער היים: אַ ווינקעל פון צימער, אַ שטיקעל בלוי שפּאַליער, אַ פערשטויבטער, ניט־געריהרטער גראַפין מיט וואַסער אויף מיין טישעל — אויף מיין טישעל, ביי וועלכען איין פיסעל איז קירצער פון די איבריגע צוויי, און איז אונטערגעשפּארט מיט אַ צונויפגע־וויקעלט שטיקעל פּאַפּיר. און אין דערבייאיגען צימער געפינען

זיך, דאכט זיך, מיין ווייב און מיין זוהן, נאר זיי זעה איך ניט. ווען איך וואלט שרייען געקענט, וואלט איך א געשריי געטהון — אזוי אונגעוועהנליך איז פאר מיר געווען דאס פשוט'ע, רוהיגע בילד, דאס שטיקעל בלויע שפאליער און דער פערשטויבטער, ניט־געריהרטער גראפין.

איך וויים, אז איך האב זיך אבגעשטעלט, אויפגעהויבען די הענד, נאר אימיצער האט מיך פון הינטען א שטופ געטהון; כ'האב גיך אנגעהויבען שפאנען פאראוים, פונאנדערגעשטופט דעם המון, זיך ערגיץ־וואוהין געאיילט, שוין ניט פיהלענדיג ניט קיין היץ, ניט קיין מיעדיגקייט. און לאנג בין איך אזוי געגאנגען צווישען די אונענדליכע, שווייגענדיגע רייהען, פערביי רויטע, אבגעברענטע קארקען, כמעט אנגעריהרט די שוואך־אראבגעלאזטע, הייסע פיקעס, ביז דער געדאנק וועגען דעם, וואס טהו איך, וואוהין אייל איך זיך אזוי — האט מיך אבגעשטעלט. פונקט אזוי גיך ווי פריהער, האב איך זיך אראבגענומען אין א זייט, דורכגעשלאגען זיך אויף פרייען, אריבער געקראכען עפעס איבער א גרובען, און מיט כונה זיך געזעצט אויף א שטיין, גלייך ווי אט דער שארעכעוואטער, הייסער שטיין וואלט געווען דאס ציעל, צו וועלכען איך האב געשטרעבט.

און דא האב איך עס צום ערשטען מאל דערפיהלט. איך האב קלאר דערזעהן, אז אט די מענשען, וואס שפאנען שטילשווייגענדיג אינ'ם גלאנץ פון דער זונן, וואס זיינען ווי אבגעשטארבען פון מיעדיגקייט און היץ, וואס שאקלען זיך און פאלען — אז דאס זיינען משוגעים. זיי ווייסען ניט, וואוהין זיי געהען, זיי ווייסען ניט, צו וואס איז עפעס די זונן, זיי ווייסען גאר ניט. ניט א קאפ איז ביי זיי אויף די פלייצעס, נאר א משונה'דיגער, שרעקליכער באל. אט איז איינער, וועלכער האט זיך, אזוי ווי איך, גיך ארויסגעכאפט פון צווישען די רייהען און פאלט; אט איז א צווייטער, א דריטער. אט האט זיך איבער דער מאסע אויפגעהויבען א קאפ פון א פערד מיט רויטע, משוגענע אויגען, דאס מויל ברייט אויפגעעפענט, וואס ווייזט נאר אויף א מאוים'דיגען אונגעוועהנליכען געשריי, זיך אויפגעהויבען און געפאלען; אויף דעם ארט האט זיך

א מינוט ענג צונויפגעדריקט דער עולם, האט זיך אבגעשטעלט, ס'הערען זיך הייזעריגע, טויבע שטימען, א קורצער שאס און נאכ־דעם ווידער א שטילע, אונענדליכע בעוועגונג. שוין א גאנצע שעה אז איך זיץ דא אויפ'ן שטיין, און פערביי מיר הערט מען נאך אלץ ניט אויף צו געהן, און אלץ נאך ציטערט די ערד און די לופט, און אלץ נאך זעהען זיך די ווייטע רייהען ווי די שאטענס. די היץ נעהמט מיך ווידער דורך, און איך געדענק שוין ניט דאס, וואס ס'האט זיך מיר אויף א מינוט געהאט פארגעשטעלט. און פארביי מיר געהט מען נאך אלץ און מען געהט און איך פערשטעה ניט, ווער דאס איז. מיט א שעה פריהער בין איך איינער אליין געווען אויף דעם שטיין, און איצט האט זיך שוין ארום מיר צונויפגע־קליבען א גאנצער הויפען גרויע מענשען: אייניגע ליגען און ריה־רען זיך ניט, אפשר געשטארבענע; אנדערע זיצען און קוקען פערשטיינערט אויף די, וואס געהען פערביי, ווי איך. אנדערע הא־בען ביקסען און זיינען עהנליך צו סאלדאטען; און פארהאן אזוי־נע, וואס זיינען אויסגעטהון כמעט הויל־נאקעט, און די הויט אויף דעם לייב איז אזוי בלוי־רויט, אז עס ווילט זיך אויף איהר ניט קו־קען. ניט ווייט פון מיר ליגט איינער מיט'ן נאקעטען רוקען ארויף. פון דעם פנים, וואס ער האט אזוי איינגעשפארט אינ'ם שארפען, הייסען שטיין, פון דער בלאסער לאדאני פון זיין איבערגעקעהרטער האנד, איז קענטיג, אז ער איז טויט, זיין רוקען איז אבער רויט פונקט ווי ביי א לעבעדיגען, און נאר דאס לייכטע געלקייט, ווי ביי געראוכערטען פלייש, וואס פון אויבען, ווייזט אויפ'ן טויט. מיר ווילט זיך אברוקען פון איהם, נאר ס'ניטא קיין כח און, שאקלענדיג זיך, קוק איך אויף די רייהען ווי די שאטענס, וואס הערען אלץ ניט אויף צו געהן. לויט דעם צושטאנד פון מיין קאפ ווייס איך, אז איך וועל אויך באלד בעקומען א זונען־שלאג, נאר איך ווארט דע־רויף רוהיג, ווי אין חלום, וואו דער טויט איז מעהר ניט ווי אנ'־עטאפנע סטאנציע אויפ'ן וועג צו וואונדערליכע, פערפלאנטעטע ערשיינונגען.

און איך זעה, ווי פון דער מאסע טהיילט זיך אב א סאלדאט און לאזט זיך געהן מיט פעסטע טריט צו מיר. אויף א מינוט

ווערט ער פערפאלען אין א גרובען, און אז ער קריכט ארויס פון דארט און געהט ווייטער, ווערען זיינע טריט שוואכער, און עס פיהלט זיך, ווי ער פרובט מיט די לעצטע כחות צונויפצונעהמען זיין פונאנדערגעווארפענעם קערפער. ער געהט אזוי גלייך אויף מיר, אז מיין שווער איינגעדרעמעלטער מח כאפט זיך אויף, כ'הויב זיך אן צו שרעקען און פרעג:

—וואס דארפסטו?

ער שטעלט זיך אב, גלייך ווי ער וואלט טאקי נאר געווארט אויף דעם ווארט. ער שטעהט, א גרויסער, א בארדיגער מיט א צורייסענעם קאלנער. קיין ביקס האט ער ניט. די הויזען האלטען זיך אויף איין קנעפעל און דורכ'ן שפאלט זעהט זיך ארויס דאס ווייסע לייב. די הענד און פיס זיינען פונאנדער געווארפען, און ער, ווי ס'שיינט, וויל זיי צונויפנעהמען נאר ער קען ניט: אט לעגט ער צונויף די הענד און אט פאלען זיי זיך ווידער פונאנדער.

— וואס שטעהסטו? זעץ זיך בעסער, — זאג איך איהם.

נאר ער שטעהט, בעמיהט זיך אומזיסט זיך צונויפצונעהמען, שווייגט און קוקט אויף מיר. און ניט ווילענדיג הויב איך זיך אויף פון שטיין און, שאקלענדיג זיך, קוק איך איהם אין די אויגען — און זעה אין זיי משוגעת און שרעק טיעפע ווי דער תהום. ביי אלע זיינען די שווארצאפעל איינגעשרומפען — ביי איהם זיינען זיי פונאנדערגעשפרייט איבער'ן גאנצען אויג: וואס פאר א ים פייער מוז ער זעהן דורך די אונגעהויערע, שווארצע פענסטער! ס'קען זיין, עס האט זיך מיר אויסגעוויזען, ס'קען זיין, אז אין זיין קוק איז געווען מעהר ניט ווי דער טויט, — נאר ניין, איך האב קיין טעות ניט: אין די שווארצע, ווי דער תהום טיעפע, שווארצאפעל, ארומגערינגעלט מיט א שמאלען, געלען קרייז, ווי ביי א פויגעל, האט זיך אבגעשפיגעלט מעהר ווי דער טויט, מעהר ווי דער שרעק פאר'ן טויט.

— געה אוועק! — שריי איך אבטרעטענדיג, — געה אוועק!

און גלייך ווי ער וואלט נאר געווארט, מ'זאל זאגען א ווארט — פאלט ער אויף מיר, ווארפט מיך אום, נאך אלץ זייענדיג אזוי

אונגעהויער גרויס, פונאַנדערגעוואָרפען און שטום. מיט אַ שווי־
דער בעפריי איך מיינע צוגעדריקטע פיס, שפּרינג אויף און וויל
וואוהין עס איז לויפען, אין אַ זייט, ווייט פון מענשען, וואו עס
זעהט זיך נאָר פון ווייטען די ציטערדיגע, מיט זונענשטראַהלען פער־
גאָסענע לופט. — און פּלוצלונג הערט זיך לינקס פון אויבען אַ שאָס
און באַלד נאָך איהם, ווי אַ ווידער־קול, צוויי אַנדערע. און ערגעץ־
וואו איבער'ן קאָפּ, פליהט אַ גראַנאַט מיט אַ הילכען פון פרעהליכע
שטימען, מיט קולי־קולות און געוואַלדען.

מען איז אונז אומגעגאַנגען!

ניטאָ שוין מעהר די טויטליכע היץ, ניט דער שרעק, ניט דאָס
מיעדיגקייט. מיינע געדאַנקען זיינען קלאָר, מיינע פאָרשטעלונגען
— פּינקטליך, שאַרף און אַז איך בין פערסאָפּעט צוגעלאָפען צו די
רייהען, וועלכע האָבען זיך אויסגעשטעלט אין אָרדנונג, האָב איך גע־
זעהן ליכטיגע, כמעט פרעהליכע פּנים'ער, האָב איך געהערט היי־
זעריג נאָר הויכע שטימען, בעפעהלען, גלייכוואָרטלעך. די זון
האָט זיך פערקליבען העכער, גלייך ווי זי וואָלט ניט וועלען שטע־
רען, עס איז רוהיגער, שטילער געוואָרען — און נאָך אַמאָל האָט מיט
אַ פרעהליכען סווישטש, ווי אַ מכשפה, אַ גראַנאַט דורכגעשניטען
די לופט.

איך בין צוגעגאַנגען...

צווייטעס קאַפּיטעל.

...כמעט אַלע פערד און דיענער, אויף דער אכטער באַטאַריע
אויך, אויף אונזערע, צוועלפטער, איז אייערנעכטען געבליבען נאָר
דריי האַרמאַטען — די איבריגע זיינען צובראָכען — זעקס מענשען,
דיענער, און אַנ'אָפיציער — אויך. שוין צוואַנציג שעה האָבען
מיר ניט געשלאָפען און ניט געגעסען. דריי מעת־לעת האָט אונז
אַ טייוועלישער רעש און טומעל געהאַלטען איינגעוויקעלט אין אַ
שווערען וואָלקען פון משוגעת, וועלכער האָט אונז אָבגעשניטען פון
דער ערד, פון הימעל, פון אייגענע — און מיר, לעבעדיגע, האָבען

אומגעבלאָנדזשעט ווי די לונאַטיקער. די ט ו י ט ע, יענע זיינען זיך געלעגען רוהיג, און מיר האָבען זיך בעוועגט, געטהון אונזער זאַך, גערעדט, און אפילו געלאַכט אויך, און זיינען געווען זיכער, האַסטיג, די אָבגעגעבענע בעפעהלען — קלאָר, די אויספיהרונג — פינקטליך, נאָר, אויב מען וואָלט פּלוצלונג ביי וועמען עס איז פון אונז אַ פרעג געטהון, ווער איז ער, וואָלט ער שווערליך געקענט געפינען אַ תשובה אין זיין פערפינסטערטען מח. ווי אין חלום, זיינען אַלע פּנים׳ער פאַרגעקומען בעקאַנט, און אַלץ, וואָס איז געשעהן, האָט זיך אויך אויסגעוויזען בעקאַנט פון לאַנג אָן, פערשטענדליך, גלייך ווי ס׳איז שוין אמאָל געווען; נאָר אַז איך האָב זיך אָנגעהויבען שטאַרק איינקוקען אין וועלכען עס איז פּנים, אָדער האַרמאַט, אָדער צוהערען זיך צום רעש וואָס אַרום — האָט מיך אַלץ איבערראַשט מיט זיין נייקייט. ס׳האָט מיך גע׳חדוש׳ט דאָס גרויסע רעטעניש, וואָס שטעקט אין אַלעס. מיר האָבען ניט בעמערקט, ווי די נאַכט איז אָנגעקומען, און איידער נאָך מיר האָבען אוספּעעט זיך צוצוקוקען צו איהר, און זיך פרעגען: פון וואַנען זי האָט זיך גענומען? האָט שוין ווידער די זונן געברענט איבער׳ן קאָפּ. ערשט פון די, וואָס זיינען געקומען אויף דער באַטאַרייע, זיינען מיר געוואָהר געוואָרען, אַז דאָס געשלעג דויערט שוין דעם דריטען טאָג, און האָבען עס די מינוט פערגעסען: אונז האָט זיך אויסגעוויזען, אַז דאָס ציהט זיך אַלץ איין טאָג, אַ טאָג אָהן אנ׳אָנהויב און אָהן אַ סוף, וואָס אָט איז ער ליכטיג, אָט פינסטער נאָר כסדר אונפערשטענדליך, כסדר בלינד, און מיר האָבען קיינער פאַר׳ן טויט קיין מורא ניט געהאַט, ווייל קיינער פון אונז האָט ניט פערשטאַנען, וואָס איז אזוינס דער טויט.

אויף דער דריטער אָדער פיערטער נאַכט, איך געדיינק ניט ריכטיג, האָב איך זיך צוגעשפּאַרט אויף׳ן וואַל און באַלד ווי איך האָב פערמאַכט די אויגען, האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט דאָס בעקאַנטע, אונגעוועהנליכע בילד: אַ שטיקעל בלויע שפּאַליער און דער פערשטויבטער, ניט אָנגעריהרטער גראַפין מיט וואַסער אויף מיין טישעל. און אין דערבייאיגען צימער זיצט, דאַכט זיך, מיין ווייב, און מיין זוהן, און זיי זעה איך ניט. נאָר אויפ׳ן טיש האָט

איצטער געברענט א לאָמפּ מיט א גרינעם אבאַזשור. ס'איז הייסט עס געווען פון אבענד אָדער ביי נאַכט. דאָס בילד איז געבליבען אונבעוועגליך, און איך האָב זיך לאַנג, רוהיג און אויפמערקזאם צוגעקוקט, ווי דאָס פייער שפּיגעלט זיך אָב אינ'ם קריסטאָלענעם גראַפין; האָב בעטראַכט דעם שפּאַליער און געטראַכט, פאַר וואָס שלאָפט מיין זוהן ניט: ס'איז שוין שפּעט, און פאַר איהם איז שוין צייט צו שלאָפען. נאָכדעם האָב איך ווידער בעטראַכט דעם שפּאַ־ליער, די אַלע דריידלעך און בעזילבערטע בלימלעך; עפּעס רע־שאָטקעלעך און פייפעלעך — איך האָב קיינמאָל ניט געמיינט, אַז איך קען אַזוי גוט מיין צימער. צומאָל האָב איך אויפגעעפענט די אויגען און געזעהען א שווארצען הימעל מיט עפּעס רויטע פייער־דיגע שטיקער און האָב זיי ווידער פערמאַכט, וויעדער בעטראַכט דעם שפּאַליער, דעם בלישטשענדיגען גראַפין און ווידער געטראַכט, פאַרוואָס שלאָפט עפּעס מיין זוהן ניט: ס'איז שוין נאַכט, און פאַר איהם איז צייט צו שלאָפען. איינמאָל האָט ניט ווייט פון מיר געפּלאַצט א גראַנאַט, האָט מיר עפּעס א שאָקעל געטהון מיינע פיס, און עמיצער האָט א הויכען געשריי געטהון, העכער ווי דאָס פּלאַ־צען פון גראַנאַט און איך האָב זיך געטראַכט: „עמיצער דער־הרג'עט", נאָר איך האָב זיך ניט אויפגעהויבען און ניט אראָבגענו־מען די אויגען פון'ם בלויען שפּאַליער און פון'ם גראַפין.

נאָכדעם בין איך אויפגעשטאַנען, געגאַנגען, פעראָרדענט, גע־קוקט אין די אויגען, אָנגעשטעלט צום ציעל און פאַר זיך האָב איך אַלץ געטראַכט: פאַר וואָס שלאָפט מיין זוהן ניט? איינמאָל האָב איך עס געפרעגט ביי א רייטער, און יענער האָט מיר עפּעס ערקלעהרט. לאַנג און אין אַלע פּרטים, אוןביידע האָבען מיר גע־שאָקעלט מיט די קעפּ. ער האָט געלאַכט, זיין לינקע ברוסט האָט גע־כאַפּט אונטערציטערען, דאָס אויג האָט עפּעס אויף עמיצען אונטער אונז, שעלמיש געוואונקען, נאָר אונטער אונז איז געווען צו בע־מערקען פּיאַטעס פון עמיצענס פיס — און מעהר גאָר ניט.

ס'איז שוין געווען ליכטיג, און פּלוצלונג! — א רעגען האָט אָנגעהויבען טריפען. א רעגען — גאָר אַזוי ווי ביי אונז, סאַמע געוועהנליכע טראָפּען וואסער. ער איז געווען אַזוי אונערוואַרטעט

און ניט פּאַסיג, און מיר האָבען זיך אַזוי דערשראָקען דערפאַר, טאָמער וועלען מיר נאָס ווערען, אַז מיר האָבען אַוועקגעוואָרפען די האַרמאַטען, אויפגעהערט צו שיסען, און זיך אָנגעהויבען צו בעהאַלטען וואו איינעם האָט זיך געמאַכט. דער רייטער, מיט וועלכען איך האָב נאָר וואָס גערעדט, איז אַרונטערגעקראָכען אונטער די רעדער פון האַרמאַט האָט זיך דאָרט צונויפגעדרעהט, חאָטש ער האָט אַלע מינוט געקענט דערשטיקט ווערען. דער דיקער פייער־ווערקער האָט עפּעס אָנגעהויבען אויסטהון אַ טויטען, איך האָב זיך אָנגעהויבען אַרומדרעהען אויף דער באַטאַרייע און עפּעס געזוכט — אַ מאַנטעל אָדער אַ שירעם. און מיט אַמאָל איז אויף דעם גרויסען פּלאַץ, וואו ס'איז געגאַנגען דער רעגען, געוואָרען אונגעוועהנליך שטיל. פערשפּעטיגט האָט אַ שראַפּנעל ווי אַ פייף געטהאָן און געפּלאַצט. און שטיל איז געוואָרען — אַזוי שטיל, אַז מען האָט געהערט ווי דער דיקער פייער־ווערקער סאָפּעט און ווי די טראָפּען רעגען קלאַפּען אויף די שטיינער און אויף די האַרמאַטען. און אָט דאָס שטילע און דריבנע קלאַפּעריי, וואָס דערמאָנט דעם פריהלינג, דער ריח פון דער צואווייקטער ערד, און די שטילקייט — גלייך ווי זיי וואָלטען אויף איין מינוט צוריסען דעם בלוטיגען, ווילדען קאָשמאַר. און אַז איך האָב איצטער אַ קוק געטהון אויף דעם נאַסען, פון וואַסער בלישטשענדיגען האַרמאַט, האָט ער מיר, אונערוואַרטעט און משונה'דיג, דערמאָהנט עפּעס ליעבליכעס, רוהיגעס, אָט כמעט ווי מיין יוגענד, כמעט ווי מיין ערשטע ליעבע. נאָר פון ווייטען האָט זיך בעזונדערס הויך געלאָזט הערען דער ערשטער שאָס און די כשוף'דיגע, מינוטיגע שטילקייט איז פערשוואונדען. פּונקט אַזוי אומגעריכט ווי די מענשען האָבען זיך בעהאַלטען, האָבען זיי אָנגעהויבען אַרויסקריכען פון זייערע בעהאַלטענע ערטער; דער גראָבער פייערווערקער האָט עפּעס אויף עמיצען אָנגעשריען; אַ האַרמאַט האָט אויסגעשאָסען, נאָך איהם אַ צווייטער — און דער בלוטיגער, אונאויפהערליכער טומאַן, האָט ווידער אַרומגעוויקעלט דעם אויסגעמאַטערטען מח. און קיינער האָט ניט בעמערקט ווען דער רעגען האָט אויפגעהערט; אין געדיינק נאָר, אַז פון'ם גע'הרג־

עטען פייערוועדקער, פון זיין דיקען, אנגעבלאזענעם, געלען פנים האט געדונען וואסער, — קענטיג דער רעגען איז לאנג געגאנגען...

...פאר מיר איז געשטאנען א יונגינקער „וואלנעאפרעדעליא־אושטשי“, די האנד ביים קאזיראק, און האט מיר איבערגעגעבען, אז דער גענעראל האט געבעטען זיך צו האלטען נאך א פאר שעה און נאכדעם וועט אונטערקומען שטיצע. געטראכט האב איך וועגען דעם, פארוואס שלאפט מיין זוהן ניט, און האב געענטפערט, אז איך קען זיך האלטען אזוי לאנג ווי איך וויל. נאר דא האט מיך פלוצלונג זיין געזיכט פעראינטערעסירט, מסתמא צוליעב זיין אונגעוועהנליכער, שרעקליכער בלאסקייט. איך האב קיינמאל ניט געזעהן קיין ווייסערע זאך ווי אט דאס פנים: אפילו ביי א טויטען איז דא מעהר פארב אין די באקען ווי ביי דעם יונגינגען סאלדאט. אפנים אז אויפ׳ן וועג צו אונז, האט ער זיך שטארק דערשראקען און ניט געקענט צו זיך קומען; די האנד האט ער דערפאר געהאלטען ביים קאזיראק, כדי אט מיט דער געוועהנליכער און פשוט׳ער בעוועגונג, דעם משוגענעם שרעק צו פערטרייבען.

— איהר שרעקט זיך? — האב איך איהם געפרעגט, אנריהרענדיג זיין עלענבויגען. נאר דער עלענבויגען איז געווען ווי א הילצערנער, אליין האט ער שטיל געשמייכעלט און האט געשוויגען. ריכטיגער, די ליפען האבען קוים ווי געציטערט ביים שמייכעל, אין די אויגען אבער איז נאר געווען יוגענד און שרעק — און מעהר גאר ניט.

— איהר האט מורא? — האב איך פריינדליך איבערגעחזר׳ט.

זיינע ליפען האבען א ציטער געטהון, וועלענדיג ארויסברייננגען א ווארט, נאר אין דער מינוט איז פארגעקומען עפעס אונפערשטענדליכעס, משונה׳דיגעס, איבערנאטירליכעס. א ווארעם ווינטעל האט מיר א בלאז געטהון אין דער רעכטער באק, האט מיך א שטארקען שאקעל געטהון און יוצא, נאר פאר מיינע אויגען, איז אנשטאט דעם בלייכען פנים געווען עפעס א קורצעס, דערשלאגענעם רויטעס, און פון דארט האט זיך געגאסען בלוט, ווי פון א אויפגעעפענטער פלאש, ווי מען מאלט זיי אויף שלעכטע שילדען. און

אין דעם קליינעם, דערשלאָגענעם, רויטען, רינעדיגען איז נאָך אַלץ געווען ווי א מין שמייכעל, א געלעכטער אָהן ציינער — א רויטער געלעכטער.

איך האָב איהם דערקענט, אָט דעם רויטען געלעכטער. איך האָב איהם געזוכט און געפונען, אָט דעם רויטען געלעכטער. איצט האָב איך פערשטאַנען וואָס עס האָט געשטעקט אין די אַלע צוקאַ־ליעטשעטע, צוריסענע משונה'דיגע קערפּער. דאָס איז געווען א רויטער געלעכטער. ער איז אין הימעל, ער איז אין דער זון און אין גיכען וועט ער זיך פונאַנדערגיסען איבער דער גאַנצער וועלט, אָט דער רויטער געלעכטער!

מען דערצעהלט, אז אין אונזער און אין שונא'ס ארמעע האָ־בען זיך בעוויזען א סך גייסטעס־קראַנקע. ביי אונז האָט מען שוין געעפענט פיער פּסיכיאַטרישע קראַנקען־הייזער. אז איך בין געווען אין שטאַב, האָט מיר דער אדיוטאַנט געוויזען...

... זיי האָבען זיך צונויפגעדרעהט ווי די שלאַנגען. ער האָט געזעהען, ווי דער דראָט, וואָס מען האָט פון איין זייט אָבגעהאַקט, האָט א שניט געטהון די לופט און ארומגעכאַפּט דריי סאָלדאַטען. די שטעכילקעס האָבען געריסען די מונדירען, געקראָכען אין לייב, און מיט א יאָמערליכען געשריי האָבען זיך די סאָלדאַטען טייוועלש געדרעהט, און צוויי האָבען מיטגעדרעהט דעם דריטען, וועלכער איז שוין געווען טויט. שפּעטער האָט נאָר איינער נאָך געלעבט און האָט די צוויי טויטע אָבגעשטופּט פון זיך, און יענע, איינגעטשעפּעט אין ריהרעוודיגען דראָט, האָבען זיך געשלעפּט, געדרעהט מיט איהם, געשפּרונגען און זיך געקייקעלט איינער איבער'ן אנדערן און ביידע איבער איהם — און פּלוצלונג, זיינען מיט איינמאָל אַלע געבליעבען אונבעוועגליך.

ער האָט געזאָגט, אז ביי דעם איינעם צוים, זיינען אומגעקומען ניט ווייניגער ווי צוויי טויזענד מענשען. בעת זיי האָבען זיך גע־ראַנגעלט מיט'ן דראָט, וואָס איז געווען צונויפגעדרעהט ווי א שלאַנג, און איהם איבערגעהאַקט, האָט זיך אויף זיי כסדר געגאָסען א מבול פון קוילען און באָמבעס. ער פערזיכערט, אז אויף אַלעמען איז געלעגען אַנ'אימה ; אין שרעקעניש וואָלטען געוויס אַלע פון דער

אַטאַקע געווען צולאָפען. נאָר צעהן צוועלף רייהען אַזעלכע דראָטה־צוימען ; דערצו נאָך אַ גאַנצע נעץ מיט וואָלף גרובען, אָנגעשלאָגען אויפ'ן דעק מיט שפּיציגע פּלעקער — האָבען אַזוי פערדרעהט דעם קאָפּ, אַז מען האָט לחלוטין אויפגעהערט צו פערשטעהן וואו מען איז אין דער וועלט, און אין וואָסער אַ זייט צו אַנטלויפען.

אַט האָבען זיך עטליכע, ווי די בלינדע, אַראָבגעגליטשט אין די גריבער ווי די לייקעס, און מיט די בייכער אַראָב זיינען זיי געבליבען אויף די שפּיציגע פּלעקער ; זיי וואַרפען זיך, דרעהען זיך, צאַפּלען זיך און טאַנצען ווי פּאַפּיערענע קאָמעדיאַנטען ; באַלד ווערען זיי צוקוועטשט פון אַנדערע, פרישע קערפּער, און באַלד זעהט שוין אויס דער, ביז די ברעגעס פולער, גרוב, ווי איין ריהערודיגע הויפען פון פערבלוטיגטע, לעבעדיגע און טויטע קערפּער. פון אומעטום שטעקען אַרויס הענד, און די פינגער אויף די הענד צוקען, בויגען זיך און חאַפּען אַריין אַלץ נאָר וואָס זיי קענען, און ווער ס'איז אַריינגעפאַלען אין דעם גיהנום איז שוין פון דאָרט קיין לעבעדיגער ניט אַרויס : הונדערטער פינגער, שטאַרקע און בלינדע, האָבען ווי מיט צוואַנגען געקנייפּט די פיס, געריסען די קליידער, געשלעפּט מענשען אויף זיך, אויסגעקראַצט די אויגען, געוואָרפען און געשטיקט. פיעל זיינען ווי שכור'ע געלאָפען גלייך אויפ'ן דראָט, געבליבען הייגען אויף איהם און אַזוי לאַנג געשריען, ביז אַ קויל האָט זיי דערלייזט פון זייערע יסורים.

בכלל האָבען איהם אַלע אויסגעזעהען ווי שכור'ע : איינ־ניגע האָבען זיך שרעקליך געזידעלט ; אַנדערע האָבען געלאַכט, בעת דער דראָט האָט זיי אַריינגעכאַפּט פאַר אַ האַנד אָדער אַ פוס, און זיינען דאָ אויף אַנ'אָרט געשטאָרבען. ער אַליין, חאָטש ער האָט פון אין דער פריה אָן ניט געגעסען און ניט געטרונקען, האָט זיך געפיהלט מאָדנע : דער קאָפּ האָט זיך איהם געדרעהט און אָנשטאָט שרעק האָט איהם מינוטען־ווייז אָנגענומען אַ מין התפּעלות — התפּעלות פון שרעק. אַז איינער האָט נעבען איהם אָנגעהויבען זינגען, האָט ער אונטערגעחאַפּט דאָס ליעדעל און אין גיכען האָט זיך צונויפגעשטעלט אַ היימליכער כאָר. ער געדענקט ניט, וואָס מען האָט געזונגען, נאָר עפּעס זעהר אַ פרעהליכס, אַ טאַנצענדיגס.

יאָ, זיי האָבען געזונגען — און אַלץ וואָס אַרום איז געווען רויט פון בלוט. אפילו דער הימעל האָט אויסגעזעהען רויט, און מען האָט געקענט מיינען, אז די גאַנצע וועלט איז חרוב געוואָרען, עפּעס אַ שרעקליכע איבערקעהרעניש איז געוואָרען און אַלע פאַרבען זיינען פערשוואונדען: ס'איז פערשוואונדען די בלויע, גרינע און אַלע אַנדערע געוועהנליכע און רוהיגע פאַרבען, און די זונן האָט זיך אָנגעצונדען מיט אַ רויטען בענגאַלישען פייער.

— אַ רויטער געלעכטער, — האָב איך געזאָגט.

נאָר ער האָט ניט פערשטאַנען.

דריטעס קאַפּיטעל.

— יאָ, און מען האָט געלאַכט. כ'האָב עס דיר שוין געזאָגט. ווי שכור'ע. אפשר האָבען זיי אפילו געטאַנצט אויך, עפּעס איז דאָרט פאָרגעקומען, על כל פּנים איז די בעוועגונג פון יענע דריי זעהר עהנליך געווען צו אַ טאַנץ.

ער געדענקט קלאָר, אז בעת אַ קויל האָט איהם געטראָפען אין הארצען, און איז דורכגעפלויגען דורך און דורך, האָט ער נאָך אַ געוויסע צייט — ביז ער האָט אָנגעוואָהרען דעם בעוואוסטזיין — געוואָרפען מיט די פיס, גלייך ווי ער וואָלט וועמען עס איז ענטקעגען־געטאַנצט. און מיט אַ משונה'דיג געפיהל דערמאָנט ער נאָך איצט יענע אטאַקע: אביסעל מיט שרעק און אביסעל — גלייך ווי עס וואָלט זיך איהם וועלען נאָך אמאָל איבערלעבען און איבערפיהלען דאָס אייגענע.

— און נאָך אמאָל אַ קויל אין הארצען? — האָב איך איהם געפרעגט.

— אָט האָסטו דיר, ס'איז דאָך ניט אַלע מאָל אַ קויל. ס'וואָלט אָבער גוט געווען, ברודער, אנ'אָרדען צו בעקומען פאַר בריהשקייט.

אויפ'ן רוקען איז ער געלעגען, געל, דער נאָז שפּיציג, די באַקען־ביינער אויסגעשטאַרטשעט און די אויגען איינגעפאַלען — געלעגען ווי אַ טויטער און גע'חלום'ט פון אנ'אָרדען. ביי איהם האָט זיך שוין אָנגעהויבען די פעראייטערונג. שטאַרקע היץ, און אין דריי טעג

אַרום האָט מען איהם געדאַרפט אַריינוואַרפען אין גרוב צו די טויטע, און ער איז געלעגען, פער׳חלום׳ט געשמייכעלט און גערעדט פון אַנ׳אַרדען.

— און דער מוטער האָסטו געשיקט אַ טעלעגראַמע ? — האָב איך איהם געפרעגט.

דערשראָקען, נאָר הארט און בייז האָט ער אויף מיר אַ קוק געטהון, און ניט געענטפערט. איך בין אַנשוויגען געוואָרען. און ס׳האָט זיך אָנגעהויבען הערען, ווי די פערוואונדעטע קרעכצען און ריידען פון היץ. נאָר אַז איך האָב זיך אויפגעהויבען אַוועקצוגעהן, האָט ער מיט זיין הייסער, נאָר אַלץ נאָך שטאַרקער האַנד, גע־דריקט מיין האַנד און צושטרייט און אומעדיג האָט ער אין מיר אַריינגעלאָזט זיינע איינגעפאַלע, ברענענדיגע אויגען.

שאָקלענדיג מיין האַנד האָט ער ווי צושראָקען אַלץ געפרעגט :

— וואָס־זשע איז דאָס אַזוינס, האַ ? וואָס איז דאָס ?

— וואָס ?

— אין אַלגעמיין... וואָס איז דאָס ? זי וואַרט דאָך אויף מיר ? אָבער איך קען דאָך ניט. פאַטערלאַנד — וועסט איהר דען קענען אַריינקלאַפּען אין קאָפּ אַריין, וואָס ס׳איז אַזוינס פאַטער־לאַנד.

— אַ רויטער געלעכטער, — האָב איך געענטפערט.

— אַך ! דו וואָרטעלסט זיך, און איך רייד ערנסט. ס׳איז נויטיג צו ערקלעהרען, — נאָר איהר וועסטו דען ערקלעהרען ? ווען דו וואָלסט געוואוסט, וואָס זי שרייבט ; וואָס זי שרייבט ! און ווייסטו, ווערטער האָט זי — גרויע. און דו — נייגעריג האָט ער אַ קוק געטהון אויף מיין קאָפּ, אַ טורקע געטהון מיט׳ פינגער און, פּלוצלינג פערנאַנדערגעלאַכט זיך, געזאָגט :

— און דיר זיינען די האָאַר אויסגעקראָכען. האָסט בעמערקט?

— דאָ זיינען קיין שפּיגלען ניטאָ.

— דאָ זיינען אַ סך גרויע און פּליכע. הער, גיעב מיר אַ שפּיע־געל. גיב ! איך פיהל, ווי פון קאָפּ קריכען ווייסע האָאַר. גיעב אַ שפּיעגעל !

ער האָט אָנגעהויבען ריידען פון היץ, געוויינט און געשריען און איך בין אוועק פון לאַזאַרעט.

דעם אבענד האָבען מיר זיך א יום־טוב געמאכט — א יום־טוב א טרויעריגען און א משונה'דיגען, אויף וועלכען ס'זיינען צווי־שען די געסט, די שאָטענס פון די טויטע אויך געווען. מיר האָבען אָבגעמאכט היינטיגען אבענד זיך צונויפצוקלייבען און טרינקען טהיי ווי אין דער היים, ווי אויף א פיקניק, און א סאַמאָוואר האָבען מיר געקריגען, מיר האָבען אפילו א ציטראָנע און גלעזער בעקומען, און האָבען זיך אויסגעזעצט אונטער א בוים — ווי אין דער היים, ווי אויף א פיקניק. איינציגווייז, צו צוויי, צו דריי זיינען אונזערע חברים געקומען, און צוגעגאַנגען זיינען זיי רעש'דיג, מיט שמועסען מיט גלייך־ווערטלעך און מיט פרעהליכע ערוואַרטונג — זיי זיינען אָבער גיך אַנשווייגען געוואָרען, האָבען אויסגעמיידט צו קוקען איי־נער אויפ'ן אַנדערען, ווייל עפּעס מורא'דיגעס האָט געשטעקט אין דעם גאַנצען עולם איבערגעבליבענע מענשען. אָבגעריסענע, שמו־ציגע, קראַצעדיגע ווי פון א בייז בייסעניש, בעוואַקסען מיט האָר, מאָגערע, אויסגעמאַטערטע, אָנגעוואָהרען זייער בעקאַנט, געוועהנ־ליך אויסזעהן, גלייך ווי איצט ערשט ביים סאַמאָוואר, האָבען מיר איינע די אַנדערע דערזעהן — דערזעהן און זיך דערשראָקען. אומ־זיסט האָב איך געזוכט צווישען עולם וועלכע ס'איז אויפגעלעגטע מענשען, בעקאַנטע פּנים'ער — איך האָב קיין איינציגען ניט גע־פונען. אָט די אונרוהיגע, ריהרעוודיגע מענשען, מיט זייערע האַס־טיגע בעוועגונגען ; וואָס זיינען ביי יעדער שאַרף אויפגעשפּרונגען, וואָס האָבען ניט אויפגעהערט זיך ארומצוקוקען, גלייך ווי זיי וואָל־טען עפּעס געזוכט הינטער זיך ; וואָס האָבען געוואָלט, מיט זייער צופיעל מאַכען מיט די הענד, אויספילען די אונגעהויערע פּוסט־קייט, וואוהין זיי האָבען זיך געשראָקען א קוק צו טהון — זיינען גע־ווען נייע, פרעמדע מענשען, וועלכע איך האָב ניט געקאָנט. און זייערע שטימען האָבען אנדערש גאָר געקלונגען. אָבגעהאַקט, שטוי־סענדיג, מיט שוועריגקייט די ווערטער ארויסגעבראַכט, און לייכט, צוליעב א קלייניגקייט, איבער געגאַנגען אויף א ליאַרם אָדער אויף א ווילד קייקלען זיך פון געלעכטער.

און פרעמד איז אַלץ געווען. פרעמד דער בוים, פרעמד דאָס זונפערגעהן, פרעמד איז אויך דאָס וואַסער געווען, מיט אַ מאָדנעם ריח און אַ משונה'דיגען טעם — גלייך ווי אינאיינעם מיט די טויטע האָבען מיר אַוועקגעוואָרפען די וועלט אונזערע און זיינען אַריינגעגאַנגען אין אַנ'אַנדערע וועלט — אַ וועלט מיט סודות'דיגע ערשיינונגען און פינסטערע שאָטענס, וואָס האָבען שלעכטע בשורות אָנצוזאָגען. געל, קאַלט, האָט די זון זיך געזעצט; איבער איהר זיינען געהאַנגען שווארצע, פון ערגעץ ניט בעלייכטע, אונבעוועגליכע וואָלקען, און די ערד אונטער זיי איז געווען שוואַרץ, און אונזערע פּנים'ער זיינען אין דעם אימה'דיגען ליכט געל געווען, ווי די פּנים'ער פון טויטע. אַלע האָבען מיר געקוקט אויפ'ן סאַמאָוואר, ער איז פערלאָשען געוואָרען, אויף זיינע זייטען האָט ער אָבגעשפּיעגעלט די געלקייט און די מרה־שחורה פון'ם זון־אונטערגאַנג און איז אַליין אויך געוואָרען פרעמד, טויט און אונפערשטענדליך.

— וואו זיינען מיר? — האָט עמיצ־ווער אַ פרעג געטהון, און אין זיין שטימע האָט זיך געהערט: אונרוה און שרעק. איינער האָט אַ קרעכץ געטהון, נאָך איינער האָט צוקענדיג געקנאַקט די פינגער. איינער האָט אָנגעהויבען לאַכען און איינער איז אויפגעשפּרונגען און האַסטיג אָנגעהויבען לויפען אַרום טיש. אָפט קען מען איצט בעגעגענען אַזעלכע גיך־געהער, כמעט לויפענדיגע מענשען, צומאָל משונה שווייגענדיג און צומאָל משונה ברומענדיג עטוואָס.

— אויף דער מלחמה — האָט געענטפערט יענער, וואָס האָט געלאַכט און האָט זיך נאָך מעהר צולאַכט: גלייך ווי ער וואָלט זיך מיט עפּעס געוואָרגען.

— וואָס לאַכט ער? — איז איינער אַרוים פון די כלים — הערט, הערט אויף!

יענער האָט זיך נאָך אַביסעל געוואָרגען, אויסגעהיחיקעט זיך און געהאָרכזאַם אַנשוויגען געוואָרען. ס'האָט אָנגעהויבען פינסטער ווערען, אַ וואָלקען האָט זיך אַראָבגעלאָזט אויף דער ערד, און מיר האָבען קוים קוים געקענט דערקענען די געלע פּנים'ער, וועלכע האָבען אויסגעזעהען ווי די שאָטענס. עמיצער האָט געפרעגט:

— וואו זשע איז „באַטיק“ ?

„באַטיק“ — אזוי האָבען מיר גערופען אונזערן א חבר, א קליי־נינקער אַפּיציער אין גרויסע שטיוועל, וואָס נעצען ניט דורך.

— ער איז דאָ נאָר וואָס געוועזן... באַטיק, וואו זענט איהר ?

— באַטיק, בעהאַלט זיך ניט ! מיר שפּירען דעם ריח פון אייערע שטיוועל !

אלע האָבען זיך פונאנדערגעלאכט. נאָר פון דער פינסטער האָט זיך געהערט א גראָב, אונצופריעדען קול, וואָס האָט דאָס גע־לעכטער איבערגעהאַקט :

— הערט אויף, ווי שעהמט איהר זיך ניט. באַטיק איז הייגט אין דער פריה, בשעת די אויספאָרשונגען, דערהרג׳עט געוואָרען.

ס׳איז א טעות, אַט נאָר וואָס איז ער דאָ געווען !

— ס׳האָט זיך אייך אויסגעוויזען אזוי, אהער צום סאַמאָוואַר. גיכער שניידט מיר אָב ציטראָן.

— מיר אויך, מיר אויך !

— ניטאָ שוין מעהר !

— נו, וואָס איז דאָס, גאָספּאָדאַ — האָט זיך געלאָזט הערען א שטילע, בעליידיגטע, כמעט וויינענדיגע שטימע — און איך בין לכתחילה נאָר צוליעב דעם ציטראָן געקומען.

יענער האָט זיך ווידער פונאנדערגעלאַכט, און לאַנג זיך גע־שטיקט מיט׳ן געלעכטער. נאָר קיינער האָט איהם ניט אָבגעהאַל־טען. ער איז זיך אליין אנשוויגען געוואָרען. ער האָט נאָך אַמאָל א חיחיקע געטהון — און אנשוויגען געוואָרען. עפּעס עמיצער האָט א זאָג געטהון :

— מאָרגען טרעט מען אויף.

און צורייצט האָבען עטליכע שטימען מיט אַמאָל אויסגעשריען :

— הערט אויף ! וואָס פאַר א אויפטרעטען !

— איהר ווייסט דאָך אליין...

— הערט אויף ! שוין זשע קען מען ניט ריידען פון עפּעס אנדערש.

דער זון־אונטערגאנג איז פערלאָשען געוואָרען, א וואָלקען האָט זיך אויפגעהויבען. און עס איז ווי ליכטיגער געוואָרען. די

פנים׳ער זיינען געווארען בעקאנטע, און דער, וואס האט זיך ארום אונז געדרעהט; האט זיך בערוהיגט און אוועקגעזעצט.

— ווי איז עס איצט אין דער היים ? — האט ער א פרעג געטהון סתם אין דער וועלט אריין. און אין זיין קול האט זיך געהערט א שמייכעל פון א שולדיגען אין עפעס.

און ווידער איז אלץ געווארען אזוי מורא׳דיג, אזוי אונפערשטענדליך, אזוי פרעמד — כמעט שרעקליך, כמעט ווי משוגע. און אלע האבען מיר זיך פלוצלונג פונאנדערגערעדט, פונאנדערגעשריען, פונאנדערגעווארפען, אנגעהויבען איבעררוקען די גלעזער, חאפען איינער דעם אנדערען פאר די פלייצעס, פאר די הענד, פאר די קניה — און מיט אמאל זיינען אלע אנשווייגען געווארען, אבטרעטענדיג דעם אונפערשטענדליכען.

— אין דער היים ? — האט עפעס איינער א געשריי געטהון פון דער פינסטער. הייזעריג, אויפגערעגט פון שרעק, פון כעס און ציטערנדיג איז דאס קול געווען. און אייניגע ווערטער האט ער ניט געקענט ארויסברייגגען, גלייך ווי ער וואלט פערגעסען צו רייידען. — היים ? וואסער א היים ? ס׳איז דען ערגעץ דא א היים ? שלאגט מיר ניט איבער, אז ניט הויב איך אן צו שיסען. אין דער היים האב איך אלע טאג גענומען א וואנע — פערשטעהט איהר, א וואנע א פולע מיט וואסער ביז די ברעגעס. און איצט וואש איך זיך אפילו ניט אלע טאג, און דער קאפ איז מיר פול מיט סטרופעס, ווי א הארטע ברעט ליענגט מיר אויפ׳ן קאפ, דאס גאנצע לייב׳בייסט מיר, און איבער׳ן לייב קריכט, און קריכט... איך ווער משוגע פון שמוץ. און איהר זאגט — א היים ! ווי א בהמה בין איך, עס עקעלט מיך זיך אליין, איך דערקען זיך ניט, און דער טויט איז גאר ניט אזוי שרעקליך. דעם מח צורייסט איהר מיר מיט אייערע שראפנעלען, דעם מח ! וואוהין איהר זאלט ניט שיעסען, טרעפט איהר מיר אלץ אין מוח אריין, און איהר זאגט — א היים. וואסער א היים ? די גאס. פענסטער, מענשען, און איך וואלט איצט אויפ׳ן גאס ניט געגאנגען — איך שעהם זיך, א סאמאוואר האט איהר געבראכט, און איך האב זיך געשעהמט צו קוקען אויף איהם, אויף דעם סאמאוואר.

יענער האָט זיך ווידער פונאַנדערגעלאַכט. עפּעס עמיצער האָט אויסגעשריען :

דאָס איז דער רוח ווייסט וואָס. איך גיי אהיים.

— אהיים ?

— איהר פערשטעהט ניט, וואָס הייסט פּליכט !

— אהיים ? הערט, ער וויל אהיים !

אַנ׳אַלגעמיינער געלעכטער האָט זיך אויפגעהויבען און אַ אונ־אנגענעהמעס געשריי — און ווידער זיינען אַלע אַנשוויגען געוואָרען, אַבטרעטענדיג דעם אונבעוואוסטען. און ניט נאָר איך אַליין, נאָר אַלע, וויפיעל מיר זיינען דאָ געווען, האָבען עס איצט דער־פיהלט. פון די פינסטערע, סודות׳דיגע און פרעמדע פעלדער האָט עס זיך אַנגערוקט אויף אונז ; עס האָט זיך אויפגעהויבען פון די שווארצע, פערוואָרפענע ווינקלען, וואו ס׳זיינען נאָך אפשר איצט אויסגעגאַנגען פערגעסענע, צווישען די שטיינער פערלאָרענע, מענ־שען ; עס האָט זיך ווי געגאָסען אויף אונז אָט פון דעם פרעמדען הימעל, וועלכער האָט זיך ניט געזעהען. שווייגענדיג, פערליערענ־דיג דעם שכל פון שרעק, זיינען מיר געשטאַנען ארום דעם פער־לאָשענעם סאַמאָוואר, און אַנ׳אונגעהויערער שאָטען, וואָס האָט זיך אויפגעהויבען איבער דער וועלט האָט שטיל און שאַרף געקוקט אויף אונז פון הימעל. פּלוצלונג האָט זיך גאָר נאָהענט פון אונז, מסתמא פון פּאָלקאָווניקס וואָהנונג, מוזיק דערהערט, און ווילדע, פרעהליכע, הויכע טענער האָבען זיך פונאַנדערגעגאָסען אין מיטען דער נאַכט. אין מיטען דער שטילקייט. אַ ווילדע פרעהליכקייט, אַ מין חוצפּה, איז אין דעם שפּיעלען געווען : האַסט, אונאָרדנונג, צו הויך, צו פרעהליך, און ס׳איז קענטיג געווען, אַז סאַי די וואָס שפּיעלען, סאַי די וואָס הערען עס זעהען, פּונקט ווי מיר, דעם אונ־געהויערען, אונגעפאָרמעטען שאָטען, וואָס האָט זיך אויפגעהויבען איבער דער וועלט.

און דער טרובאַטש פון אָרקעסטער האָט שוין, קענטיג, אין זיך. אין זיין מח און אין זיינע אויערען, געטראָגען אָט דעם אונ־געהויערען, שטילשווייגענדיגען שאָטען. דער אַבגעהאַקטער, גע־בראָכענער טאָן האָט זיך געוואָרפען און געשפּרונגען און ערגעץ־וואו

אין א זייט, פון די איבעריגע טענער אנטלאָפען, אנ׳עלענדער, א ציטערדיגער פון שרעק, א משוגע׳נער. און די איבריגע טענער, גלייך ווי זיי וואָלטען זיך אומקוקען אויף איהם: אזוי אונגע־שיקט, שטאָלפערנדיג פאלענדיג און אויפשטעהענדיג, זיינען זיי ווי א פונאנדערגעוואָרפענע מאסע געלאָפען, צו הויכע, צו פרעה־ליכע, צו נאָהענטע צו די פערוואָרפענע ווינקלען, וואו ס׳זיינען נאָך איצט אפשר אויסגעגאנגען פערגעסענע, צווישען שטיינער פערפאָ־לענע — מענשען.

און לאנג זיינען מיר ארום דעם פערלאָשענעם סאמאוואר גע־שטאנען, געשטאנען און געשוויעגען.

פיערטע קאפיטעל.

...איך בין שוין געשלאָפען, בשעת דער דאָקטאָר האָט מיך פאָרזיכטיג אויפגעוועקט. איך האָב א געשריי געטהאָן, פונאנ־דערטשוכענדיג זיך און אויפשפרינגענדיג, ווי מיר אלע פלעגען שרייען, בשעת מען האָט אונז געוועקט, און האָב זיך א לאָז גע־טהאָן צום ארויסגאנג פון דער פאלאטקע. נאָר דער דאָקטאָר האָט מיך שטארק צוגעהאלטען ביי דער האנד און געבעטען ענטשולדי־גען:

— כ׳האָב אייך איבערגעשראָקען, ענטשולדיגט. איך וויים, אז איהר ווילט שלאָפען...

— פינף מעת לעת... — האָב איך געברומט, דרעמלענדיג, און בין איינגעשלאָפען, און געשלאָפען, דאכט זיך, א רעכטע ווייל‍ע, ווען דער דאָקטאָר האָט אויפ׳ס נייע אָנגעהויבען ריידען, פאָרזיכ־טיג שטורכענדיג מיך דאָ אין די זייטען, דאָ אין די פים.

— ס׳איז אָבער זעהר נויטיג. ליעבענקער, איך בעט אייך, אזוי נויטיג. מיר דוכט זיך אלץ... איך קען ניט. מיר דוכט זיך אלץ, אז פערוואונדעטע זיינען נאָך דאָרט איבערגעבליעבען.

— וואָס פאר פערוואונדעטע? א גאנצען טאָג האָט איהר

זיי דאָך געפיהרט. לאָזט מיך צורוה. דאָס איז קיין יושר ניט, פינף מעת־לעת בין איך ניט געשלאָפען.

— זעהט, ליעבענקער, בייזערט זיך ניט — האָט דער דאָק־טאָר אונטער געברומט, און געשיקט אָנטהוענדיג מיר די פוראזשקע אויפ'ן קאָפּ — אַלע שלאָפען, מען קען זיך ניט דערוועקען. איך האָב בעקומען אַ לאָקאָמאָטיוו מיט זיעבען וואַגאָנעס, נאָר מיר דארפען האָבען מענשען. איך פערשטעה דאָך... ליעבענקער, איך בעט אייך. אַלע שלאָפען, אַלע זאָגען זיך אָב. איך האָב אליין אויך מורא, טאָמער ווער איך אַנשלאָפען. איך געדענק שוין ניט, ווען בין איך געשלאָפען. דאכט זיך, אז ביי מיר הויבט זיך אָן גאַליוציאַנאַ־ציע. נו, טהייערער, לאָזט אראָב די פיסלעך, איין פיסעל, נו, אָט אזוי, אזוי...

בלאַס איז דער דאָקטאָר געווען און געשאָקעלט האָט ער זיך, און קענטיג איז געווען, אז אויב ער וועט זיך נאָר צולעגען — וועט ער אָבשלאָפען עטליכע מעת לעת כסדר. די פיס האָבען זיך מיר אונטערגעבויגען, און איך בין איבערצייגט, אַז, געהענדיג, בין איך איינגעשלאָפען, אזוי אומגעריכט, פּלוצלונג, ניט וויסענדיג פון וואַ־נען, איז פאַר אונז אויסגעוואַקסען אַ גאַנצע רייהע שוואַרצע ברואים — אַ לאָקאָמאָטיוו מיט וואַגאָנעס. שווייגענדיג און לאַנגזאַם האָ־בען זיך אַרום זיי אַרומגעדרעהט עפּעס מענשען, וועלכע מען האָט קוים בעמערקט אין דער פינסטער. אויפ'ן לאָקאָמאָטיוו און אויך אין די וואַגאָנעס איז ניט געווען אפילו קיין איינציגער לאַמטערן, נאָר פון דער פערמאַכטער ווינטיושקע האָט זיך אויפ'ן וועג געלעגט אַ רויטליך־טונקלער שיין.

— וואָס איז דאָס ? — האָב איך געפרעגט, אָבטרעטענדיג.

— מיר פאָהרען דאָך. איהר האָט פערגעסען ? מיר פאָהרען — האָט דער דאָקטאָר געוואָרטשעט.

אַ קאַלטע נאכט איז געווען, און ער האָט געציטערט פון קעלט, און אויף איהם קוקענדיג, האָב איך אויך אין גאַנצען לייב דער־פיהלט די אייגענע, ווי קיצלענדיגע, קעלט.

— דער טייוועל ווייסט אייך ! — האָב איך אַ געשריי געט־טהאָן הויך — איהר האָט ניט געקענט נעהמען קיין אַנדערען...

— שטילער, איך בעט אייך, שטילער! — האָט דער דאָקטאָר מיך אָנגעכאַפּט פאַר׳ן האַנד.

פון דער פינסטער האָט עפּעס עמיצער געזאָגט:

— איצט קענסטו אפילו אויסשיעסען פון אַלע האַרמאַטען, וועט זיך אויך קיינער ניט ריהרען. זיי שלאָפען אויך. מען קען צוגעהן און אַלע שלאָפענדיגע איבערבינדען. איך בין נאָר וואָס פערבייגעגאַנגען פערביי דעם טשאַסאָוואָי גופא. ער האָט אַ קוק געטהאָן אויף מיר, גאָרניט געזאָגט און זיך אפילו קיין ריהר ניט געגעבען. ער שלאָפט אויך, מסתמא, ס׳איז נאָר אַ וואונדער, ווי פאַלט ער דאָס ניט.

ער האָט אַ גענייץ געטהאָן; זיינע קליידער האָבען ווי אַ רויש געטהאָן: אַ סימן, אַז ער האָט זיך אויסגעצויגען. מיט דער ברוסט האָב איך זיך אָנגעשפּאַרט אין וואַגאָן, כדי אַריינצוקריעכען — און בין באַלד אַנשלאָפען געוואָרען. עמיצער האָט מיך אונטערגע־הויבען און אַריינגעלעגט אין וואַגאָן, און איך האָב איהם, אַליין ניט וויסענדיג פאַרוואָס, אָבגעשטופּט מיט די פיס, און ווידער איינגעשלאָפען, און ווי אין שלאָף האָב איך געהערט ביסלעכווייז פון אַ שמועס:

— אויפ׳ן זיעבעטען וויאָרסט.

— ניין, ער וועט ניט געהן.

— דערלאַנג אהער, צוריק אַביסעל, אַזוי.

די וואַגאָנעס האָבען זיך געטרייסעלט אויף אָן אָרט, עפּעס האָט צוגעקלאַפּט. און ביסלעכווייז האָב איך זיך אויסגעטשוכעט, אַביסעל צוליעב דעם, וואָס איך בין בעקוועם און רוהיג געלעגען... און דער דאָקטאָר איז איינגעשלאָפען, און אַז איך האָב איהם אָנ־גענומען פאַר׳ן האַנד, איז זי געווען ווי ביי אַ טויטען: מאַט און שווער. דער צוג האָט זיך שוין בעוועגט, פּאַמעלעך און פאָרזיכ־טיג, גרינג אונטערטרייסלענדיג זיך, גלייך ווי ער וואָלט געטאַפּט דעם וועג. דער סטודענט — דער סאַניטאַר האָט אָנגעצונדען אַ ליכט אין לאַמטערן, בעלייכט די ווענט און דעם שוואַרצען לאָך פון דער טהיר און האָט בייז געזאָגט:

— וואָס פאַר אַ טייוועל! נויטיג דאַרפען זיי אונז האָבען.

און איהם וועט איהר אויפוועקען, איידער ער ווערט שטארק אנ־שלאָפען. נאָכדעם וועט איהר מיט איהם גאָר ניט מאכען, איך וויים עס פון זיך.

מיר האָבען אויפגעוועקט דעם דאָקטאָר, ער האָט זיך אנידער־געזעצט און האָט זיך מטושטש'דיג ארומגעקוקט. ער האָט זיך נאָך אמאָל געוואָלט אנדערלעגען, נאָר מיר האָבען ניט געלאָזט.

— איצט וואָלט גוט געווען צו נעמען א טרונק בראָנפען — האָט דער סטודענט געזאָגט.

מיר האָבען גענומען צו ביסלאך קאָניאק און דער שלאָף איז אינגאנצען פערביי. די גרויסע, שווארצע, פיערקאנטיגע טהיר איז געוואָרען ראָזיג, רויט — פון אונטער די בערג האָט זיך בעוויזען א גרויסער, שוויינענדיגער פייער פלאם: גלייך ווי די זונן וואָלט אויפגעגאנגען אינמיטען דער נאכט.

— ס'איז וויים. אודאי ביי צוואנציג וויאָרסט.

— מיר איז קאָלט, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, קלאפּענדיג א צאָהן אין א צאָהן.

דער סטודענט האָט ארויסגעקוקט דורכ'ן טהיר, און מיך געררו־פען, ווינקענדיג מיט'ן האנד. איך האָב א קוק געטהאָן: אויפ'ן האָריזאָנט זיינען אין פערשיעדענע ערטער, ווי ארומגענומען מיט א קייט, געשטאנען אזוינע אונבעוועגליכע פייער־פלאַמען: גלייך ווי א צעהנדליג זונען זיינען אויפגעגאנגען מיט אמאָל. און עס איז שוין ניט געווען אזוי פינסטער. אין א געדיכטער שווארצקייט האָבען זיך געזעהען די ווייטע בערג, פּינקטליך בעצייכענדיג א גע־בראָכענעם, א חוואַליסמעסיגען שטריך, און אין דער נאָהענט איז אלצדינג געווען בעגאָסען מיט א שוויינענדיגען, אונבעוועגטען, שטי־לען, רויטען ליכט. איך האָב א קוק געטהאָן אויפ'ן סטודענט: זיין פּנים איז אויך געווען אָבגעפארבט מיט דער אייגענער דורכזיכטי־גער, רויטער בלוט־פּארב, פון וועלכער ס'איז געוואָרען לופט און ליכט.

— א סך פערוואונדעטע? — האָב איך געפרעגט.

ער האָט א מאַך געטהאָן מיט'ן האנד.

— א סך משוגעים. מעהר, ווי פערוואונדעטע.

— אמת'ע ?

— וואָסערע דען ?

אויף מיר האָט ער געקוקט, און אין זיינע אויגען איז אויך געווען דאָס פערגליווערטע, ווילדע, פול מיט קאַלטע שרעק, ווי ביי יענעם סאָלדאַט, וואָס איז געשטאָרבען פון זונענשלאַג.

— הערט אויף — האָב איך געזאָגט, אָבקעהרענדיג זיך.

— דער דאָקטאָר איז אויך משוגע. גיט נאָר אַ קוק אויף איהם.

דער דאָקטאָר האָט ניט געהערט. ער איז געזעסען די פיס אונטער זיך, ווי אַ טערק, זיך געשאָקעלט, שטיל געמאכט מיט די ליפען און בעוועגט די שפּיץ פינגער. און אין זיין קוק איז אויך געווען דאָס אייגענע, שטענדיג געוואָרענע, פערשטיינערטע גלייכגילטיגקייט.

— מיר איז קאַלט, — האָט ער געזאָגט און אַ שמייכעל געטהאָן.

— דער טייוועל זאָל אייך אַלע נעהמען ! — האָב איך אויסגעשריען, אוועקגעהענדיג אין אַ ווינקעל וואגאָן — צו וואָס האָט איהר מיך גערופען ?

קיינער האָט ניט געענטפערט. דער סטודענט האָט געקוקט אויף דעם שטילען, אויסגעוואקסענעם פייערפלאַם, און יונג האָט אויסגעזעהען זיין נאַקען מיט די געקרייזעלטע האָר, און קוקענדיג אויף איהם, האָט זיך מיר עפּעס אַלץ פאָרגעשטעלט אַ צאַרטע פרויען־האַנד, וואָס קרייזעלט אַלץ די האָר. און די פאָרשטעלונג איז געווען אַזוי אונאָנגענעהם, אַז איך האָב דעם סטודענט אָנגעהויבען פיינד האָבען, און אָהן עקעל האָב איך ניט געקענט אַ קוק טהאָן אויף איהם.

— ווי אַלט זייט איהר ? — האָב איך איהם געפרעגט, נאָר ער האָט זיך ניט אומגעקעהרט און ניט געענטפערט.

דער דאָקטאָר האָט זיך אונטערגעשאָקעלט.

— מיר איז קאַלט.

— אַז איך גיב אַ טראַכט — האָט דער סטודענט געזאָגט, ניט אומקעהרענדיג זיך — אַז איך גיעב אַ טראַכט, אַז ס'איז ערגעץ דאָ גאַסען, הייזער, אַן אוניווערסיטעט.

און האָט אָבגעהאַקט, גלייך ווי ער וואָלט שוין אַלץ געזאָגט,

און איז אנשוויעגען געוואָרען. כמעט פּלוצלינג האָט זיך דער צוג אָבגעשטעלט, אזוי, אז איך האָב זיך אָנגעשלאָגען אָן וואנד, און שטימען האָבען זיך דערהערט. מיר זיינען ארויסגעשפּרונגען.

אויפ'ן וועג, נעבען סאמע לאָקאָמאָטיוו, איז עפּעס געלעגען, א ניט גרויסער קנויל, פון וועלכען ס'האָט ארויסגעשטעקט א פוס.

— א פערוואונדעטער ?

— ניין, א גע'הרג'עטער. דער קאָפּ איז אָבגעריסען. נאָר ווי איהר ווילט זיך, איך צינד אָן דעם פאָדערשטען לאמטערן. אז ניט, וועט מען נאָך וועמען עס איז דערשטיקען.

דעם קנויל מיט'ן ארויסגעשטעקטען פוס האָט מען אָבגעוואָרפען אין א זייט. דער פוס איז א רגע געווען פעררייסען ארויף, גלייך ווי ער וואָלט לויפען אין די לופטען, און באלד האָט זיך אלץ בעהאַלטען אין שווארצען גראָבען. דעם לאמטערן האָט מען אָנגעצונדען און דער לאָקאָמאָטיוו איז מיט אמאָל שווארץ געוואָרען.

— הערט ! — האָט עמיצער מיט שטילען שרעק א שעפּטשע געטהאָן.

ווי האָבען מיר עס פריהער ניט געהערט ! פון אומעטום — ס'איז ניט מעגליך געווען דאָס ריכטיגע אָרט צו בעשטימען — איז צו אונז צוגעקומען א גלייכער, שניידיגער קרעכץ, א וואונדערבאר רוהיגער און כמעט ווי א גלייכגילטיגער אפילו. א סך געשרייען, א סך קרעכצען האָבען מיר געהערט, נאָר דער איז ניט עהנליך געווען צו קיינעם פון זיי. אין דער טונקעלער, רויטליכער לופט איז קיין זאַך ניט געווען צו בעמערקען, און דערפאר האָט זיך אויסגעוויעזען, אז דאָס קרעכצט די ערד אליין, אָדער עס קרעכצט דער הימעל, זייענדיג בעלויכטען פון א זון, וואָס געהט קיינמאָל ניט אויף.

— דער פינפטער ווייארסט, — האָט דער מאַשיניסט געזאָגט.

— דאָס איז פון דאָרטען — האָט דער דאָקטאָר געוויעזען מיט דער האנד פאָראויס. דער סטודענט האָט א ציטער געטהאָן און זיך לאנגזאם אומגעקעהרט צו אונז :

— וואָסזשע איז דאָס אזוינס ? דאָס איז דאָך אונמעגליך צו הערען !

צופוס זיינען מיר געגאַנגען פאָראויס, פאַר'ן לאָקאָמאָטיוו, און איבער'ן וועג האָט זיך אונזער לאַנגער שאָטען אויסגעצויגען, און געוועזן איז ער, דער שאָטען, ניט שווארץ, נאָר טונקעל־רויט, פון יענעם שטילען, אונבעוועגטען ליכט, וואָס איז שווייגענדיג, אין פערשיעדענע עקען פון'ם שווארצען הימעל, געשטאַנען. און וואָס א טריט ווייטער מיר האָבען געמאַכט, אַלץ מעהר איז געוואַקסען דער ווילדער, אונערהערטער קרעכץ, וועלכער איז געגאַנגען פון א ניט־בעשטימטען אָרט — גלייך ווי עס וואָלט געקרעכצט די רויטע לופט, גלייך ווי די ערד און דער הימעל וואָלטען געקרעכצט. מיט זיין אונאויפהערליכקייט און מאָדנער גלייכגילטיגקייט האָט ער אונז צייטענווייז דערמאָנט דאָס גרילען פון היישעריקען אין פעלד — א גלייך, היים גרילען פון היישעריקען אויפ'ן זומערדיגען פעלד. אַלץ אָפטער און אָפטער האָבען מיר אָנגעהויבען טרעפען טויטע. אויף גיך האָבען מיר זיי בעקוקט און אַרבגעוואָרפען פון וועג — אָט די גלייכגילטיגע, רוהיגע, שלאַפע קערפער, וועלכע האָבען אַי־בערגעלאָזט אויף די ערטער, וואו זיי זיינען געלעגען, טונקעלע, פעטע פלעקען, פון'ם איינגעזויגענעם בלוט. תחלת האָבען מיר זיי גע־צעהלט, נאָכדעם האָבען מיר זיך פערפּלאָנטעט און אויפגעהערט. פיעל זיינען דאָ געוועזן — צופיעל פאַר דער שרעקליכער נאַכט, וואָס האָט געאָטהעמט מיט קעלט, און יעדער קלענסטער טהייל פון איהר וועזען האָט געקרעכצט.

— וואָס זשע איז דאָס אַזוינס ! — האָט דער דאָקטאָר געשריען און געסטראַשעט עמיצען מיט'ן פויסט. — איהר הערט...

צוקומענדיג צום זעקסטען וויאָרסט, זיינען די קרעכצען אַלץ קלערער, בעשטימטער, שאַרפער געוואָרען און עס האָבען זיך שוין געפיהלט די צוקרומטע מיילער, פון וועלכע די קולות זיינען געגאַנ־גען. מיט א שוידער האָבען מיר זיך איינגעקוקט אין דער דאָזיגער פינסטערניש מיט איהר אָבנאָרענדיגער דורכזיכטיגקייט, בעת היג־טען, ביים וועג, נאָהענט צו אונז, האָט זיך דערהערט א הויכער, רופענדיגער, וויינענדיגער קרעכץ. מיר האָבען איחם באַלד געפונען, דעם פערוואונדעטען, וואָס אויף זיין געזיכט זיינען נאָר די אויגען געוועזן — אַזוי גרויס האָבען זיי אויסגעזעהען, בעת ס'איז אויף זיי

געפאלען די שיין פון לאמטערן. ער האט אויפגעהערט צו קרעכצען, און האט נאר מיט די אויגען בעטראכט יעדען פון אונז און די לאמ־טערנס, און אן אונגעהויערע פרייד איז געווען אין זיין קוק דערויף, וואס ער זעהט מענשען און פייער — און אן אונגעהויער שרעק איז געווען אין זיין קוק, ווייל זיי וועלען באלד פערשווינדען ווי א פאר־שטעלונג אין דער פאנטאזיע. ס'קען זיין, אז שוין ניט איין מאל האבען זיך איהם געדאכט מענשען מיט לאמטערנס שטעהען איינ־געבויגען איבער איהם, און ווערען פערשוואונדען אין דעם בלוטיגען פינסטערן קאשמאר.

מיר זיינען אוועק ווייטער און כמעט די מינוט אנגעטראפען צוויי פערוואונדעטע, איינער איז געלעגען אויפ'ן וועג און דער אנדערער האט געקרעכצט אין גראבען. אז מען האט זיי אויפגע־הויבען, האט מיר דער דאקטאר, ציטערענדיג פון כעס, געזאגט:

— נו, וואס ?

און האט זיך אבגעקעהרט. מיט עטליכע טריט ווייטער האבען מיר אנגעטראפען א גרינג פערוואונדעטען, וועלכער איז אליין גע־גאנגען, אונטערהאלטענדיג איין האנד מיט דער אנדערער. האל־טענדיג פערריסען דעם קאפ, האט ער זיך גערוקט גלייך אויף אונז און האט ווי ניט בעמערקט, אז מיר האבען זיך פונאנדערגערוקט, כדי צו מאכען פאר איהם וועג. דאכט זיך, אז ער האט אונז ניט געזעהען. ביים לאקאמאטיוו האט ער זיך אויף א רגע אבגעשטעלט, אראב אין א זייט און אוועק לענגאויס די וואגאנעס.

— וואלסט זיך בעסער געזעצט ! — האט דער דאקטאר צו איהם געשריען, נאר ער האט ניט געענטפערט.

דאס זיינען געווען די ערשטע, וואס האבען אויף אונז געמאכט אן אימה. און נאכדעם האבען מיר זיי אלץ אפטער געטראפען, אויפ'ן וועג און ביים וועג, און דאס גאנצע פעלד, זייענדיג פערגאָ־סען מיט'ן אונבעוועגליכען רויטען אבשיין פון די ארומיגע פייערען, האט זיך אנגעהויבען ריהרען, ווי עפעס לעבעדיגעס, האט זיך אנ־געצונדען מיט געוואלדיגע קולות, קולות און קרעכצען. אט די פינסטערע בערגלעך האבען זיך בעוועגט, געקראכען ווי שלעפעריגע ראקעס, וועלכע מען האט ארויסגעלאזט פון קארב, פונאנדערגע־

וואָרפענע, משונה׳דיגע, און מיט זייערע אומגעלומפּערטע, אונקלאָ־רע בעוועגונגען, מיט זייער שווערער אונבעוועגליכקייט, זיינען זיי קוים ענהליך געווען צו מענשען. אייניגע זיינען געווען אָהן לשון, געהאַרכזאַם, אנדערע האָבען געקרעכצט, געקוויטשעט, געשאָלטען און אונז — וואָס מיר האָבען זיי געראַטעוועט — אָנזעהן ניט גע־קענט, גלייך ווי מיר וואָלטען בעשאַפען אַט די בלוטיגע, גלייכגיל־טיגע נאַכט, גלייך ווי מיר וואָלטען שולדיג געווען אין זייער איינ־זאַמקייט אין מיטען דער נאַכט, צווישען די טויטע, גלייך ווי מיר וואָלטען זיי געמאַכט זייערע שרעקליכע וואונדען. אין די וואַ־גאָנעס איז שוין מעהר קיין אָרט ניט געווען, אונזערע קליידער זיי־נען שוין נאָס געוואָרען פון בלוט, גלייך ווי מיר וואָלטען געשטאַנען אונטער אַ בלוטיגען רעגען, און פערוואונדעטע האָט מען נאָך אַלץ געטראָגען און ס׳האָט נאָך אַלץ געהאַלטען אין ווילדען בעוועגען זיך דאָס אָבגעלעבטע פעלד.

אייניגע זיינען אַליין צוגעקראָכען. אַנדערע זיינען צוגעגאַנגען, שאָקלענדיג זיך און פאַלענדיג. איין סאָלדאַט איז כמעט צוגעלאָ־פען צו אונז. זיין פּנים איז געווען צוקוועטשט און ס׳איז איהם געבליעבען נאָר איין אויג, וואָס האָט ווילד און מורא׳דיג געברענט, און געווען איז ער כמעט הויל, נאַקעט, ווי פון באָד ארויס. אַ שטופּ טהוענדיג מיך, האָט ער מיט׳ן אויג דערטאַפּט דעם דאָקטאָר און האַסטיג האָט ער איהם מיט זיין לינקער האַנד פאַר׳ן ברוסט אָנ־געכאַפּט.

— אין די ציין וועל איך דיר געבען ! — האָט ער אַ געשריי געטהאָן און האָט, טרייסלענדיג דעם דאָקטאָר, צוגענעבען בייז און לאַנגזאַם גראָבע זידלערייען, — אין מאָרדע וועל איך דיר געבען ! אויסוואורף !

דער דאָקטאָר האָט זיך אויסגעריסען און, שטעלענדיג זיך דעם סאָלדאַט ענטגעגען, האָט ער, שלינגענדיג די ווערטער, אויסגעשריען :

— „פאַר סוד" וועל איך דיך אָבגעבען, טויגעניכטס ! אין קאַרצער אריין ! דו לאָזט מיך ניט ארבייטען ! טויגעניכטס ! ווילדע חיה !

מען האָט זיי פונאנדערגענומען, נאָר דער סאָלדאַט האָט נאָך לאַנג געשריען: אויסוואורפען! אין מאָרדע וועל איך געבען!

אָהן כחות בין איך שוין געבליעבען און בין אוועק אין א זייט, כדי צו פערהויכערען און אבצורוהען. דאָס פערטריקענטע בלוט איז אויף די הענד געוואָרען ווי שווארצע הענטשקעס, און מיט מאַ־טערניש האָבען זיך די פינגער געבויגען, ארויסלאָזענדיג די פאפּיראָ־סען און די שוועבעלעך. און אז איך האָב פערהויכערט, האָט מיר דער רויך פון'ם טאַבאַק אויסגעזעהען ניי און משונה'דיג, און א טעם, וועלכען איך האָב קיינמאָל, ניט פריהער, ניט שפּעטער, ניט גע־פיהלט, האָב איך אין איהם איצט דערפיהלט. דאָ איז צו מיר צו־געגאַנגען דער סטודענט, דער סאַניטאַר, וואָס איז מיט אונז אַהער געפאָהרען — נאָר מיר האָט זיך אויסגעוויעזען, אז איך האָב זיך געזעהען מיט איהם מיט עטליכע יאָהר צוריק, נאָר איך האָב זיך בשום אופן ניט געקענט דערמאָנען — וואו. מיט פעסטע טריט איז ער געגאַנגען, ווי אויף א מארש, און האָט ערגעץ וואוהין איבער מיר, ווייטער פון מיר און העכער פון מיר, געקוקט.

— און זיי שלאָפען — האָט ער געזאָגט כלומרשט גאַנץ רוהיג. אָן אָנגעצונדענער בין איך געוואָרען, גלייך ווי ער וואָלט מיר דעם פאָרוואורף געמאַכט.

— איהר פערגעסט, אז צעהן טעג האָבען זיי זיך געריסען ווי די לייבען.

— און זיי שלאָפען — האָט ער איבערגע'חזר'ט, קוקענדיג איבער מיר, העכער. נאָכדעם האָט ער זיך איינגעבויגען צו מיר, געסטראַשעט מיט'ן פינגער, און האָט ווייטער, טרוקען און רוהיג, געזאָגט:

— איך וועל אייך זאָגען. איך וועל אייך זאָגען.

— וואָס?

ער האָט זיך נאָך נידעריגער איינגעבויגען צו מיר, בעדייטענד געסטראַשעט מיט'ן פינגער און האָט אלץ איבערגעחזר'ט:

— איך וועל אייך זאָגען. איך וועל אייך זאָגען. גיט זיי איבער.

און אלץ נאָך קוקענדיג אזוי שטרענג אויף מיר און סטראַשענ־

דיג נאָך אַמאָל מיט'ן פינגער, האָט ער ארויסגענומען אַ פּיסטאָ־לעט און אויסגעשאָסען זיך אין שלייף אריין. און דאָס האָט מיך ניט אָנגעהויבען וואונדערען, און ניט שרעקען. איבערלעגענדיג דעם פּאַפּיראָס אין דער לינקער האנד, האָב איך מיט'ן פינגער אַ פּרוב געטהאָן די וואונד און בין אוועקגעגאַנגען צו די וואַגאָנעס.

— דער סטודענט האָט זיך דערשאָסען. דאכט זיך, ער לעבט נאָך, — האָב איך געזאָגט דעם דאָקטאָר. יענער האָט זיך אָנגע־כאַפּט פאר'ן קאָפּ און געזאָגט מיט אַ קרעכץ:

— אָ, דער טייוועל זאָל איהם נעהמען!... מיר האָבען דאָך אַזוי קיין אָרט ניט. און יענער וועט זיך אויך באַלד דערשיסען. און איך גיב אייך מיין עהרענוואָרט — האָט ער בייז און סטראשענדיג אַ געשריי געטהאָן: — איך אויך! יאָ! און איך בעט אייך — נעהט זייט מוחל צופוס. ניטאָ קיין ערטער. איהר קענט זיך קלאָ־גען, אויב איהר ווילט.

און האַלטענדיג אין שרייען, האָט ער זיך אָבגעקעהרט און איך בין צוגעגאַנגען צו יענעם, וועלכער וועט זיך באַלד דערשיסען. דאָס איז געווען אַ סאַניטאַר, אויך, דאַכט זיך, אַ סטודענט. ער איז גע־שטאַנען, אַנגעשפּאַרט מיט'ן שטערן אן ווענטעל פון וואַגאָן, און זיין פּלייצע האָט זיך כסדר געטרייסעלט פון כליפּען.

— הערט אויף, — האָב איך געזאָגט, אָנריהרענדיג די טריי־סעלדיגע פּלייצע.

נאָר ער האָט זיך ניט אומגעקעהרט, ניט געענטפערט און האָט געוויינט. און יונג איז זיין נאַקען געווען, און שרעקליך איז ער גע־ווען, פּונקט ווי ביי יענעם, און געשטאַנען איז ער אומגעלומפּערט, פונאַנדערגעשפּרייט ווי אַ שיכור, וואָס ברעכט; און דער האַלז זיינער איז געווען אין בלוט — מסתמא האָט ער איהם מיט די הענד געהאַט ארומגענומען.

— נו? — האָב איך געזאָגט אונגעדולדיג.

ער האָט זיך אָבגערוקט פון וואַגאָן, אראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און, איינגעהויקערט ווי אַ זקן, איז ער אוועק ערגעץ וואוהין אין דער פינסטער, ווייט אוועק פון אונז אַלעמען.

ניט וויסענדיג פאר וואָס, בין איך אוועק נאָך איהם, און לאַנג

זיינען מיר געגאנגען, אלץ ערגעץ וואוהין אין א זייט, אוועק ווייט פון די וואגאנעס. דאכט זיך, ער האט געוויינט ; און אומעטיג איז מיר געווארען און מיר אליין האט זיך אויך פערוואלט וויינען.

— שטעהט ! — האב איך א געשריי געטהון, אבשטעלענדיג זיך.

נאר ער איז געגאנגען, שווער הויבענדיג די פיס, איינגעהויקערט ווי א זקן, מיט זיינע שמאלע פלייצעס און שלעפענדיגען גאנג. און גיך איז ער פערפאלען געווארען אין דער רויטליכער פינסטערניש, וואס האט אויסגעזעהען ווי ליכט און האט קיין זאך ניט בעלייכט. און איך בין געבליעבען אליין.

לינקס, שוין ווייט פון מיר, איז פערביי געשוואומען א רייהע טונקעלע פייערלעך — דאס איז דער צוג אוועק. איך בין געוועןאיינער אליין — צווישען געשטארבענע און גוססע. וויפיעל זייערע איז נאך געבליעבען ? נעבען מיר איז אלצדינג געוועןאונבעוועגט און טויט, און ווייטער איז דאס פעלד געוועןריהרעוודיג, ווי א לעבעדיגע זאך — אפשר האט זיך מיר נאר אזוי אויסגעוויעזען, ווייל איך בין געוועןאליין. נאר דער קרעכץ האט ניט אויפגעהערט. ער איז געבליעבען איבער דער ערד, דין, פערצווייפעלט, עהנליך צו א קינדיש געוויין, אדער צום מיוקען פון טויזענדער קליינע הינטעלעך, פערווארפענע און פריהרענדיגע. ווי א שארפע, אונענדליך לאנגע נאדעל פון אייז, איז ער מיר אין מח געקראכען, און האט זיך לאנגזאם גערוקט אהין און צוריק — אהין און צוריק.

זעקסטע קאפיטעל.

...די זיינען געוועןאונזערע. אין יענעם משונה'דיגען תהו ובהו, וואס האט דעם לעצטען חודש געהערשט אין די בעוועגונגען פון ביידע לאגערען, אי אין אונזערע אי אין שונא'ס, מאכענדיג יעדער פלאן און יעדער בעפעהל צו ניט, זיינען מיר געוועןזיכער, אז האט דורך א בינאקל קלאר דערקענט אונזערע מונדירען, און אין דער שונא רוקט זיך אויף אונז, און בפרוש, דער פיערטער קארפוס. ס'איז שוין אלצדינג פערטיג געוועןצו דער אטאקע, בעת עמיצער האט דורך א בינאקל קלאר דערקענט אונזערע מונדירען און אין

צעהן מינוט אַרום איז פון דער השערה געוואָרען אַ רוהיגע, גליקליכע איבערצייגונג : די זיינען געווען אונזערע. און זיי האָבען, דאַכט זיך, אונז אויך דערקענט : זיי זיינען צוגעקומען צו אונז גאָר רו־היג, און אין זייער רוהיגער בעוועגונג האָט זיך געפיהלט דער אייגענער גליקליכער שמייכעל, וועגען דעם אונערוואַרטעטען בעגעגעניש, ווי ביי אונז.

און אַז זיי האָבען אָנגעהויבען שיסען, האָבען מיר אַ צייט לאַנג ניט געקענט פערשטעהען, וואָס דאָס בעדייט, און האָבען נאָך גע־שמייכעלט, — אונטער אַ גאַנצען האָגעל פון שראַפּנעלען און קוי־לען, וואָס האָט זיך געשאָטען אויף אונז און מיט אַמאָל ארויסגע־כאַפּט פון אונזערע רייהען הונדערטער מענשען. עפּעס עמיצער האָט אַ געשריי געטאָהן, אַז ס'איז אַ טעות, און — איך געדענק עס אויף געוויס — מיר אַלע האָבען דערזעהען דעם שונא, און אַז די פּאָרמע איז זיינע, ניט אונזערע, און האָבען באַלד געענטפערט מיט פייער. אין אַן ערך פון פופצעהן מינוט אַרום, זייט דאָס משונה'דיגע גע־שלעג האָט זיך אָנגעהויבען, האָט מיר אָבגעריסעןביידע פיס, און בין ערשט געקומען צו זיך, זייענדיג שוין אין לאַזאַרעט, נאָכדעם ווי מען האָט מיר די פיס אַראָבגענומען.

איך האָב געפרעגט, מיט וואָס האָט זיך דאָס געשלעג געענ־דיגט, נאָר מען האָט מיר געענטפערט, אַרויסמאַכענדיג זיך, אַ בע־רוהיגענדע תשובה, פון וועלכער איך האָב פערשטאַנען, אַז מיר זיינען צושלאָגען ; נאָכדעם האָב איך, דער קאַליקע אָהן פיס, זיך דער־פרעהט, וואָס מען וועט מיך אָבשיקען אהיים, וואָס איך לעב פאָרט — לעב אויף לאַנג, אויף שטענדיג. ערשט אין אַ וואָך אַרום בין איך געוואָהר געוואָרען אייניגע פּרטים, וועלכע האָבען מיך געבראַכט צו נייע ספקות און צו נייעם, נאָך קיינמאָל ניט געפיהלטען, שרעק.

יאָ, דאַכט זיך, דאָס זיינען אונזערע געווען, — און מיט אונ־זערער אַ קויל, וואָס אונזערער אַ סאָלדאַט האָט געוואָרפען פון אונזער האַרמאַט, האָט מען מיר די פיס אָבגעריסען. און קיינער האָט ניט געקענט ערקלעהרען, ווי אַזוי דאָס האָט געטראָפען. עפּעס איז פאָר־געקומען, עפּעס האָט אַלעמען די ראיה פערטונקעלט, און צוויי פאָל־קען פון איין אַרמעע, שטעהענדיג אַ וויאָרסט איינער פון'ם אַנדערען,

האָבען אַ גאַנצע שעה אומגעבראַכט איינער דעם אַנדערען, אין פֿאַר־געסענהייט, אַז זיי האָבען עס צו טהון מיט'ן שונא. און דער־מאָנט האָט מען דעם פֿאַקט אָהן חשק, מיט האַלבע ווערטער, און — וואָס ס'איז מעהר וואונדער ווי אַלץ — ס'האָט זיך געפֿיהלט, אַז אַ סך פֿון די, וואָס האָבען גערעדט, האָבען נאָך ביז איצט ניט דערקענט זייער טעות. ריכטיגער, זיי זיינען מודה, אַז ס'איז געווען אַ טעות, נאָר דאָס איז געווען שפּעטער, אָבער תחלת האָבען זיי באמת געהאַט צו טהאָן מיט'ן שונא. וועלכער האָט זיך, אין דער אַלגעמיינער סומאַטאָכע, ערגעץ־וואו בעהאַלטען, און האָט אונז אוועקגעשטעלט געגען אונזער אייגען געוועהר. אַנדערע האָבען אָפֿען גערעדט וועגען דעם, ערקלעהרענדיג עס אַזוי, אַז ס'האָט זיך גע־לעגט אויפֿ'ן שכל און אויסגעזעהן קרוב לאמת. איך אַליין קען ביז'ן היינטיגען טאָג ניט זאָגען זיכער, ווי אַזוי האָט זיך דער ווילד־דער טעות אָנגעהויבען, ווייל פּונקט אַזוי קלאָר, ווי איך האָב פֿריי־הער געזעהען אונזער רויטע פֿאָרמע, האָב איך נאָכדעם געזעהען זייערע, געלבליכע פֿאָרמע. און עפּעס זעהר גיך האָבען אַלע דעם פֿאַקט פֿערגעסען, אַזוי ווייט פֿערגעסען, אַז מען האָט גערעדט וועגען איהם ווי פֿון אַן אמת'ען שטרייט, און אין דעם אייגענעם זינן, האָט מען געשריעבען און געשיקט אויפֿריכטיגע קאָרעספּאָנדענ־ציעס; שוין אין דערהיים האָב איך זיי געלייענט. דאָס פֿערהאַל־טען זיך צו אונז, וואָס זיינען אין דעם שטרייט פֿערוואונדעט גע־וואָרען, איז תחלת געווען אַביסעל משונה'דיג — אויף אונז האָט מען עפּעס ווי וועניגער רחמנות געהאַט, ווי אויף אַנדערע פֿערוואונדעטע, נאָר אין גיכען איז דאָס אויך פֿערבייגעגאַנגען. און נאָר נייע צו־פֿאַלען, עהנליכע צו דעם אָקאָרשט בעשריעבענעם, און דאָס, וואָס אין'ם שונא'ס לאַגער האָבען באמת צוויי פּאָלקען אויסגעהרג'עט איינער דעם אַנדערן — קומענדיג ביי נאַכט ביז צו האַנד־געשלעג — ניט מיר דאָס רעכט צו מיינען, אַז דאָ איז געווען אַ טעות.

אונזער דאָקטאָר, יענער, וואָס האָט מיר די פֿיס אָראָבגענומען, — אַן אַלטער, אַ טרוקענער, הויט און ביינער, וואָס איז געווען דורכ־געווייקט מיט יאָדפֿאָרם, רויך פֿון טאַבאַק און קאַרבאָל, וואָס האָט שטענדיג פֿון עפּעס אונטערגעשמייכעלט, דורך זיינע פֿון גאַל־גרויע

שיטערע וואָנצעס — האָט מיר געזאָגט, צונויפשטשורענדיג די אויגען :

— אייער גליק, וואָס איהר פאָהרט אהיים. דאָ איז עפּעס ניט גלאַט.

— וואָס איז ?

— אזוי. ניט גלאַט. אין אַנדערע יאָהרען איז געווען פּשוט'ער.

ער האָט זיך בעטהייליגט אין דער לעצטער אייראָפּעאישער מלחמה מיט 25 יאָהר צוריק, און פלעגט זי אָפּט דערמאָנען מיט פערגעניגען. און די איצטיגע מלחמה האָט ער ניט פערשטאַנען און, ווי איך האָב בעמערקט, מורא געהאַט פאַר איהר.

— יאָ, ניט גלאַט — האָט ער אויסגעקרעכצט, זיך אָנגעבלאָזען און בעהאַלטען אין אַ גאַנצען וואָלקען פון טאַבאַק־רויך. — איך וואָלט אַליין אויך אַוועקגעפאָהרען פון דאַנען, ווען ס'וואָלט מעגליך געווען.

און אָנבויגענדיג זיך צו מיר, האָט ער דורך די געלע, פערראיכערטע וואָנצעס אַרויסגעשעפּטשעט :

— אין גיכען וועט קומען אַזאַ צייט, וואָס קיינער וועט שוין פון דאַנען ניט אַוועקפאָהרען. יאָ, ניט איך, ניט קיינער — און אין זיינע נאָהענטע אַלטע אויגען, האָב איך דערזעהען די פערגליווערטע, טומפּע פערוואונדערונג, און מיר איז פּלוצלונג בעפאַלען עפּעס שרעקליכעס, אונערטרעגליכעס, ווי טויזענד בנינים וואָלטען מיט אַמאָל איינגעפאַלען, און אַ פערקיהלטער פון שרעק, האָב איך אַרויסגעשעפּטשעט :

— אַ רויטער געלעכטער.

צוזעצענדיג זיך נאָהענט צו מיר, אַרומקוקענדיג זיך אויף אַלע זייטען, האָט ער זקניש צושאָקלענדיג מיט זיין אַלט גרוי בערדיל געשעפּטשעט :

— איהר וועט גיך אַוועקפאָהרען און אייך וועל איך זאָגען : איהר האָט אַמאָל געזעהען אַ געשלעג אין דול־הויז ? ניין ? און איך האָב געזעהען. און זיי רייסען זיך ווי געזונטע. פערשטעהט איהר : ווי געזונטע. — מיט אַ בעזונדער וויכטיגקייט האָט ער די פראַזע עטליכע מאָל איבערגעחזר'ט.

— טאָ וואָס איז ? — האָב איך אַזוי שטיל און דערשראָקען געפרעגט.

— גאָרניט. ווי געזונטע.

— א רויטער געלעכטער, — זאָג איך.

— מיט וואָסער האָט מען זיי אָבגעגאָסען.

איך האָב זיך דערמאָנט אָן דעם רעגען, וואָס האָט אונז אַזוי שטארק געהאַט אָנגעשראָקען, און בין אין כעס געוואָרען :

— איהר זענט פון זינען אראָב, דאָקטאָר !

— ניט מעהר ווי איהר. אַלענפאַלס ניט מעהר.

ער האָט ארומגעכאַפּט מיט די הענד זיינע שפּיציגע, אַלטע קניה און זיך פונאַנדער געלאַכט ; און קוקענדיג אויף מיר פון א זייט, איבער דער פּלייצע, האָבענדיג נאָך אויף די טרוקענע ליפּען דעם אָבקלאַנג פון׳ם אונערוואַרטעטען, שווערען געלעכטער, האָט ער צו מיר עטליכע מאָל שעלמיש צוגעוואונקען, גלייך ווי נאָר מירביידע ווייסען עפּעס א לעבערליכע זאַך, וועלכע קיינער ווייסט ניט. נאָכדעם האָט ער, מיט דער וויכטיגקייט פון א פּראָפעסאָר מאַגיע, וועלכער ווייזט קונצען, הויך אויפגעהויבען די האַנד, זי גלאַט אראָבּ־געלאָזט און האָט זעהר פאָרזיכטיג אָנגעריהרט מיט צוויי פינגער דאָס אָרט פון דער דעקע, אונטער וועלכען ס׳וואָלטען געווען מיינע פיס, ווען מען וואָלט זיי ניט אָבגעשניטען.

— און דאָס פערשטעהט איהר ? — האָט ער געפרעגט, גלייך ווי ער וואָלט מיר עפּעס געזאָגט בסוד.

מיט דער אייגענער וויכטיגקייט האָט ער אומגעדרעהט מיט דער דער האַנד אויף די רייהען בעטלעך, אויף וועלכע ס׳זיינען געלעגען פערוואונדעטע, און האָט איבערגעחזר׳ט :

— און דאָס קענט איהר ערקלעהרען ?

— פערוואונדעטע, — זאָג איך — פערוואונדעטע.

— פערוואונדעטע, — האָט ער איבערגעחזר׳ט ווי א ווידער קול. — פערוואונדעטע. אָהן פיס, אָהן הענד, מיט אויפגעריסענע בייכער, מיט צומאָלענע ברוסטען און אויסגעריסענע אויגען. איהר פערשטעהט דאָס ? עס פרעהט מיך. ווען איהר, הייסט עס, דאָס אויך פערשטעהען.

געשיקט, גאָרניט נאָך זיינע יאָהרען, האָט ער זיך איבערגע־קעהרט מיט'ן קאָפּ אראָב, זיך אוועקגעשטעלט אויף די הענד און געמאַכט מיט די פיס אין די לופטען. דער ווייסער כאלאט האָט זיך פערריסען אראָב, דאָס פּנים האָט זיך אָנגעגאָסען מיט בלוט. און פעסט קוקענדיג אויף מיר מיט זיין איבערגעקעהרטען קוק, האָט ער מיט מיה ארויסגעזאָגט אָבגעהאַקטע ווערטער:

— און דאָס... פערשטעהט איהר... אויך?

— הערט אויף — האָב איך אַ דערשראָקענער אַ זאָג געטהאָן, — אז ניט, וועל איך אָנהויבען שרייען.

ער האָט זיך איבערגעקעהרט צוריק, אָנגענומען אַ נאַטירליכע פּאָזע, האָט זיך ווידער געזעצט ביי מיין בעט און, אָבפּאָכענדיג זיך, האָט ער מיט אַ לעהרער־טאָן בעמערקט:

— און קיינער פערשטעהט עס ניט.

— נעכטען האָט מען ווידער געשאָסען.

— מען האָט נעכטען אויך געשאָסען. און אייערנעכטען האָט מען אויך געשאָסען, — האָט ער צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— איך וויל אַ היים! — האָב איך אומעטיג געזאָגט — ליע־בער דאָקטאָר, איך וויל אהיים. איך קען דאָ מעהר ניט בלייבען. איך הער אויף צו גלויבען, אז ס'איז גאָר דאָ אַ היים, וואו ס'איז אזוי גוט.

ער האָט וועגען עפּעס געטראַכט און ניט געענטפערט, און איך האָב זיך צו־וויינט:

— אַך, גאָט, איך האָב קיין פיס ניט. איך האָב אזוי ליעב געהאַט צו פאָהרען אויף אַ וועלאָסיפּעד, געהען, לויפען, און איצט האָב איך קיין פיס ניט. מיט'ן רעכטען פוס פלעג איך מיין זוהן וויעגען, און ער פלעגט לאַכען, און איצטער... פערפלוכט זאָלט איהר זיין! צו וואָס וועל איך פאָהרען? איך בין אינגאַנצען אַלט דרייסיג יאָהר... פערפלוכט זאָלט איהר זיין!

און געקרעכצט האָב איך, געקרעכצט דערמאָנענדיג זיך אָן מיינע ליעבע פיס, אָן די גיכע, שטאַרקע פיס מיינע. ווער האָט זיי ביי מר צוגענומען, ווער האָט געהאַט די העזה זיי צונעהמען ביי מיר?

— הערט, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, קוקענדיג אין אַ

זייט — נעכטען האָב איך געזעהען: עס איז געקומען צו אונז א משוגענער סאָלדאַט דעם שונא'ס א סאָלדאַט. כמעט הויל נאַקעט איז ער געוועזן, און צושלאָגען איז ער געוועזן, צודראַפּעט און הונ־געריג — ווי א חיה; איינגאַנצען איז ער געוועזן בעוואַקסען מיט האָר, אָט ווי מיר אַלע זיינען בעוואַקסען, און האָט א פּנים געהאַט ווי א ווילדער, ווי א וואַלד מענש, ווי אַן אַבעזיאַנע. ער האָט אַלע געמאַכט מיט די הענד, זיך געקרימט, געזונגען, געשריען און גע־קראָכען זיך שלאָגען. מען האָט איהם געגעבען זיך אָנצועסען און צוריק ארויסגעטריעבען — אין פעלד אריין. וואו דען זשע זאָל מען זיי אהין טהאָן? ווי טאָג אזוי נאַכט בלאָנדזשען זיי ארום אָב־געריסענע, ווי בייזע שאָטענס, איבער די בערג, אהין און צוריק און אין אַלע זייטען, אָהן א וועג, אָהן א ציעל, אָהן א אַברוה. מאַ־כען מיט די הענד, לאַכען, שרייען און זינגען. און זיי בעגעגענען זיך, הויבען זיי זיך אָן צו רייסען, און, ס'קען זיין, זיי זעהען ניט איינער דעם אַנדערען און געהען פערביי. מיט וואָס לעבען זיי? מסתמא מיט גאָרניט, און אפשר, מיט'ן פלייש פון די טויטע, איינ־איינעם מיט די חיות, אינאיינעם מיט די דיקע, אָבגעגעסענע, פער־ווילדעטע הינט, וואָס רייסען זיך און וואָיען גאַנצע נעכט אויף די בערג. ביינאַכט קלויבען זיי זיך צונויף, ווי פויגעל, אויפגעוועקטע פון שטורם, ווי מיאוסע מאָטילקעס ביי פייער; מען דאַרף נאָר פאַר קעלט אָנלעגען א קאָסטיאָר, און אין א האַלבע שעה ארום איז שוין אויסגעוואַקסען ארום איהם א צעהנדליג אָבגעריסענע, שרייענדיגע, ווילדע סקעליעטען, וואָס זעהען אוים ווי פערפרוי־רענע אַבזיאַנעס. מען שיסט אין זיי, אמאָל על פּי טעות און אמאָל מיט א כיון ארויסגעהענדיג פון געדולד דורך זייערע שטענדיגע קולות, וואָס וואַרפען אָן אַן אימה...

— איך וויל אהיים! — האָב איך געשריען, פערשטאָפּענדיג די אויערען. און ווי דורך וואַטע, טויב און ניט קלאָר, האָבען נייע, שרעקליכע ווערטער מיין קראַנקען מח געבויערט:

— ... זיינען דאָ א סך. הונדערטער־ווייז קומען זיי אום אין די גיהנום'ס, אין די וועלפען־גריבער, וואָס מען האָט אָנגעגרייט פאַר געזונטע, פאַר מענשען מיט שכל. זיי מישען זיך אריין אין א רע־

גולערען שטרייט אויף, געהען שטענדיג פּאַראויס, שטענדיג אָהן שרעק, און שלאָגען זיך ווי העלדען; נאָר אָפּט שלאָגען זיי זייערע אייגענע. זיי געפעלען מיר. איצט האַלט איך נאָך ערשט ביי אראָבגעהען פון זינען, דערפאר זיץ איך נאָך און רייד מיט אייך, נאָר אז איך וועל שוין גאָר איינגאַנצען משוגע ווערען, וועל איך ארויסגעהן אין פעלד און אַ געשריי וועל איך ארויסלאָזען, צונויפנעהמען ארום זיך אָט די אַלע העלדען, די ריטער אָהן שרעק, און וועל ערקלעהרען אַ מלחמה דער גאַנצער וועלט. מיט אַ פרעהליכען עולם, מיט מוזיק און ליעדער וועלען מיר אריין אין די שטעדט און אין דערפער, און וואו נאָר מיר וועלען פערבייגעהען, דאָרט וועט אַלץ זיין רויט, וועט זיך אַלץ דרעהען און טאַנצען אזוי ווי פייער. די, וואָס זיינען ניט געשטאָרבען, וועלען צו אונז צושטעהען, אונזער העלדישע ארמעע וועט וואקסען ווי אַ לאַווינע, און וועט די גאַנצע וועלט אָבריינינען. ווער האָט עס דען געזאָגט, אז מען טאָר ניט הרג'ענען, ברענגען און רויבען?...

דער משוגענער דאָקטאָר האָט שוין געשריען, און מיט זיין געשריי, האָט ער ווי אויפגעוועקט דעם פערשלאָפענעם וועהטאָג ביי יענע, וואָס די ברוסט און די בייכער זיינען געווען אויפגעריסען, די אויגען אויסגעריסען, און די פיס אָבגעהאַקט. אַ ברייטער, אַ שטיק הארץ אויסרייסענדער, וויינענדיגער קרעכץ האָט פול געמאַכט די פּאַלאַטע; און פון אומעטום האָבען זיך צו אונז אומגעקעהרט בלאַסע, געלע אויסגעמאַטערטע פנים'ער, אַנדערע אָהן אויגען, אַנדערע אין אזאַ שרעקליך צוקאַליעטשעט אויסזעהען, גלייך ווי זיי וואָלטען זיך אומגעקערט פון גיהנום. און זיי האָבען געקרעכצט און געהערט, און אין דער אָפענער טהיר האָט זיך בעוויזען דער שוואַרצער, אונגעהויער שאָטען, וואָס האָט זיך אויפגעהויבען איבער דער וועלט, און דער אַלטער משוגענער האָט געשריען פונאנדערשפּרייטענדיג די הענד:

— ווער האָט געזאָגט, אז מען טאָר ניט הרג'ענען, ברענגען און רויבען? מיר וועלען הרג'ענען, רויבען און ברענגען. די פרעהליכע זאָרגלאָזע קאָמפּאַניע פון העלדען, מיר וועלען אַלץ חרב מאַכען: זייערע הייזער, אוניווערזיטעטען און מוזעען; די פרעהליכע חברה,

פול מיט פייערדיגען געלעכטער — טאַנצען וועלען מיר אויף זייערע חורבות. דאָס דול הויז וועל איך ערקלעהרען פאַר אונזער פאַטערלאַנד ; פאַר אונזערע שונאים און משוגעים — אַלע יענע, וואָס זיינען נאָך ניט פון זינען אַראָב ; און אַז איך וועל, זייענדיג גרויס, שטאַרק און פרעהליך, ווערען אַ מלך איבער דער גאַנצער וועלט, איהר איינציגער הערשער און אויבערהאַר — וואָס פאַר אַ פרעהליכער געלעכטער וועט די גאַנצע וועלט פערהילכען !

— אַ רויטער געלעכטער ! — האָב איך אויסגעשריען, איבערשלאָגענדיג איהם. — ראַטעוועט ! ווידער הער איך אַ רויטען געלעכטער !

— מיינע ליעבע ! — האָט דער דאָקטאָר ווייטער געשריען, ווענדענדיג זיך צו די קרעכצעדיגע, צוקאַליעטשעטע שאָטענס — מיינע ליעבע ! מיר וועלען האָבען אַ רויטע לבנה און אַ רויטע זון, און די חיות וועלען האָבען רויטע פרעהליכע וואָל, און מיר וועלען אַראָברייסען די פעל פון יענע, — וואָס זיינען צו וויים, וואָס זיינען צו וויים... איהר האָט ניט געפּרובט טרינקען קיין בלוט ? עס איז אַביסעל קלעפּיג, אַביסעל ווארים, נאָר עס איז רויט, און האָט אַזאַ פרעהליכען רויטען געלעכטער !...

זיבענטע קאַפּיטעל.

... דאָס איז געוועזען אומ׳ברחמנות׳דיג, דאָס איז געוועזען אונגעזעצליך. די גאַנצע וועלט עהרט דעם „רויטען קרייץ" ווי אַ הייליגקייט, און זיי האָבען געזעהען, אַז דאָס געהט אַ צוג ניט מיט סאָלדאַטען נאָר מיט אונשעדליכע פערוואונדעטע, און זיי האָבען געדאַרפט בעצייטענס אָנזאָגען וועגען דער אונטערגעלייגטער מינע. אומגליקליכע מענשען, זיי האָבען שוין געפאַנטאַזירט וועגען דער היים...

אכטע קאַפּיטעל.

... ארום סאַמאָוואַר, ארום אַן אמת׳ן סאַמאָוואַר, פון וועלכען ס׳האָט געזעצט אַ פּאַרע, ווי פון אַ לאָקאָמאָטיוו — אַז אפילו דאָס

גלעזעל פון לאָמפּ האָט אַביסעל געשוויצט, אַזאַ שטאַרקע פּאַרע איז געגאַנגען. און די טשאַשקעלעך זיינען געווען די אייגענע, פון דרויסען בלוי און פון אינווייניג ווייס, זעהר שעהנע טשאַשקעלעך, וואָס מען האָט זיי אונז געשענקט — זעהר אַ פיינע און אַ גוטע פרוי.

— שוין זשע זיינען נאָך אַלע גאַנץ ? — האָב איך געפרעגט, ניט גלויבענדיג מיינע אויגען, און דערביי אויסמישענדיג דעם צוקער אין גלאָז מיט אַ ריין לעפעלע.

— איינס האָט מען צובראָכען, — האָט מיר מיין פרוי געענטפערט צוטראָגען : זי האָט דעמאָלט גראָד געהאַלטען דעם קראַן אָפען, און שעהן און גרינג איז פון דאָרט געלאָפען הייסע וואַסער.

איך האָב אָנגעהויבען לאַכען.

— וואָס לאַכסטו ? — האָט דער ברודער געפרעגט.

— אַזוי. פיהרט מיך אָקאָרשט נאָך אַמאָל אַב אין קאַבינעט. זייט זיך מטריח פון אַ העלד וועגען ! פּוסט און פּאַס זענט איהר דאָ אָהן מיר אומגעגאַנגען, איצטער גענוג, איך וועל אייך איצט נעהמען אין די הענד אריין — און אויף קאַטאָוועס, נאַטירליך, האָב איך אָנגעהויבען זינגען : העלדיש אויפ'ן פיינד, אין קריעג, ברידער היילען מיר...

זיי האָבען פערשטאַנען דעם קאַטאָוועס, און האָבען אויך געשמייכעלט, נאָר מיין פרוי האָט דעם קאָפּ ניט אויפגעהויבען : זי האָט איבערגעווישט די טשאַשקעס, מיט אַ ריינעם, אויסגעגייטען האַנדטוך. אין קאַבינעט האָב איך ווידער דערזעהען : דעם בלויען שפּאַליער, דעם לאָמפּ מיט'ן גרינעם אַבאַזשור, און דאָס טישעל אויף וועלכען ס'איז געשטאַנען אַ גראַפין מיט וואַסער. און ער איז געווען אַביסעל פערשטויבט.

— גיסט מיר נאָר אָן אַביסעל וואַסער פון דאַנען. — האָב איך פרעהליך בעפאָהלען.

— דו האָסט דאָך נאָר וואָס געטרונקען טהעע.

— ס'מאַכט ניט אויס, ס'מאַכט ניט אויס, גיסט אָן. און דו — האָב איך געזאָגט דער פרוי, — נעהם דאָס זוהנדעלע, און זייץ אַ ווייַלע אין יענעם צימער. כ'בעט דיך.

און מיט קליינע שלוקען, נחת קלויבענדיג האָב איך די וואסער געטרונקען, און אין דערבייאיגען צימער איז געזעסען מיין פרוי מיט'ן זוהן, און איך האָב זיי ניט געזעהען.

— אזוי, גוט, איצטער קומט אהער. נאָר פארוואָס געהט ער נאָך אזוי שפעט ניט שלאָפען ?

— ער איז צופריעדען, וואָס דו ביזט געקומען. געה, טהייער־רער, צום טאַטען.

נאָר דאָס קינד האָט אָנגעהויבען צו וויינען און האָט זיך בע־האַלטען ביי דער מוטער'ס פיס.

— פאַרוואָס וויינט ער ? — האָב איך ערשטוינט געפרעגט און זיך אַרומגעקוקט ארום און ארום : — פאַרוואָס זייט איהר אַלע אזוי בלייך, און שווייגט, און געהט מיר נאָך ווי די שאָטענס ?

דער ברודער האָט הויך אָנגעהויבען לאַכען און געזאָגט :

— מיר שווייגען ניט.

און די שוועסטער האָט איבערגעחזר'ט :

— מירריידען די גאַנצע צייט.

— איך וועל די וועטשערע בעזאָרגען, — האָט די מאַמע גע־זאָגט און איז אויך גיך אַרויסגעגאַנגען.

— יאָ, איהר שווייגט, — האָב איך מיט אומגעריכטער זי־כערהייט געזאָגט, — פון אין דער פריה אָן הער איך פון אייך קיין וואָרט ניט. נאָר איך אַליין פּלוידער, לאַך און פרעה זיך. שוין זשע פרעהט אייך מיין קומען ניט ? און פאַרוואָס היט איהר זיך אַלע אַ קוק צו טהאָן אויף מיר ? שוין זשע בין איך אזוי פערביטען געוואָרען ? יאָ, אזוי פערביטען. קיין שפּיעגעל זעה איך אויך ניט. איהר האָט זיי בעהאַלטען ? גיט אהער אַ שפּיעגעל.

— באַלד וועל איך ברענגען, — האָט מיין פרוי געענטפערט און לאַנג זיך ניט אומגעקעהרט, און אַ שפּיעגעל האָט די דיענסט געבראַכט. איך האָב אַ קוק געטהאָן אין איהם, און — איך האָב זיך שוין אין וואַגאָן געזעהען און אויפ'ן וואָגזאַל — ס'איז געוועזען דאָס אייגענע פּנים, אביסעל פערעלטערט, נאָר אַ סאַמע געוועהנ־ליך פּנים. און זיי האָבען, דאַכט זיך, געמיינט, אז איך וועל אַ

געשריי טהאָן און פאַלען אין חלשות, — אַזוי האָבען זיי זיך דער־פרעהט, אַז איך האָב רוהיג געפרעגט:

— וואָס זשע איז דאָ אַזוי אונגעוועהנליך?

לאַכענדיג אַלץ העכער איז די שוועסטער אויף גיך ארויסגע־גאַנגען און דער ברודער האָט פעסט און רוהיג געזאָגט:

— יאָ, דו האָסט זיך ווניג אומגעביטען. אַביסעל פּליכיג געוואָרען.

— זאָג אַ דאַנק דערפאַר, וואָס דער קאָפּ איז געבליעבען, — האָב איך גלייכגילטיג געענטפערט. — נאָר וואוהין אַנטלויפען זיי דאָס אַלע: דאָ איינער, דאָ די אַנדערע. פיהר מיך נאָר נאָך אַמאָל איבער די צימערען. וואָסער אַ בעקוועמער שטוהל, לחלוטין אָהן אַ שום געראויש. וויעפיעל האָט איהר בעצאָהלט? איך וועל שוין קיין געלד ניט זשאַלעווען; איך וועל זיך קויפען אַזעלכע פיס, בעסער... דער וועלאָסיפּעד!

נאָך גאָר אַ נייער איז ער אויפ'ן וואַנד געהאָנגען, נאָר די שינעס זיינען געווען איינגעפאַלען, ווייל לופט האָט אין זיי גע־פעהלט. צו דער שינע פון דער אונטערשטער ראָד איז געווען אַ שטיקעל בלאָטע צוגעקלעפּט — פון מיין לעצטעס מאָל פאָהרען. דער ברודער האָט געשוויעגען און דעם שטוהל ניט בעוועגט און איך האָב פערשטאַנען, וואָס דאָס שווייגען און דאָס שוואַנקען בע־טייט.

— נאָר פיער אָפיציערען זיינען פון אונזער פּאָלק לעבען גע־בליעבען, — האָב איך מיט פערדרוס געזאָגט — איך בין זעהר גליקליך... און איהם נעהם פאַר זיך, מאָרגען נעהם איהם צו.

— גוט איך וועל נעהמען, — האָט דער ברודער געהאָרכזאַם איינגעשטימט — יאָ, דו ביסט גליקליך, אַ האַלבע שטאָדט איז ביי אונז אין טרויער. און די פיס — דאָס איז, אין אמת'ן...

— אודאי, איך בין ניט קיין פּאָטשטאַליאָן.

פּלוצלונג האָט זיך דער ברודער אָבגעשטעלט און געפרעגט:

— פאַר וואָס טרייסעלט זיך ביי דיר דער קאָפּ?

— נאַרישקייט, דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז ס'וועט פער־ביי געהען.

— און די הענד אויך ?

— יאָ, יאָ, די הענד אויך. פּיהר, איך בעט דיך, ס'איז מיר מיאוס געוואָרען צו שטעהען.

אויפגערעגט האָבען זיי מיך, אָט די אונצופריעדענע מענשען, נאָר די פרייד האָט זיך ווידער אומגעקעהרט צו מיר, בעת מען האָט אָנגעהויבען צוגרייטען דאָס געלעגער ; אַן אמת'ער געלעגער, אין אַ שעהן בעט, אין דעם בעט, וואָס איך האָב געקויפט פאַר דער חתונה, מיט פיער יאָהר צוריק. אַ ריינעם ליילעך האָט מען אונ־טערגעשפּרייט, נאָכדעם האָט מען די קישענס אויסגעשלאָגען, איינ־געוויקעלט די דעקע — און איך האָב געקוקט אויף דער יום טוב'די־גער צערעמאָניע, און פון געלעכטער זיינען ביי מיר די אויגען געווען פול מיט טרעהרען.

— און איצטער טהו מיך אויס און לעג מיך אַוועק — האָב איך געזאָגט מיין ווייב — ווי גוט דאָס איז !

— באַלד, ליעבער.

— גיכער !

— באַלד, טהייערער.

— וואָס זשע האָסטו דאָרט ?

— באַלד, ליעבער.

אונטער מיינע פּלייצעס, ביים טואַלעט, איז זי געשטאַנען, און איך האָב אומזיסט געדרעהט דעם קאָפּ, כדי זי צו זעהען. און פּלוצלונג האָט זי אַ געשריי געטהאָן, אַזאַ געשריי, ווי מען שרייט אויף אַ מלחמה :

— ו ו אָ ס א י ז ד אָ ס !

און האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן צו מיר, מיך אַרומגענומען, גע־פאַלען נעבען מיר, בעהאַלטען דעם קאָפּ נעבען מיינע אָבגעשניטענע פיס, אָט מיט שרעק דערוויטערט זיך פון זיי, און אָט ווידער צופאַלענדיג צו זיי, קושענדיג די שטרומפּען און וויינענדיג :

— וואָס פון דיר איז געוואָרען ! ביזט דאָך ערשט דרייסיג יאָהר אַלט. יונג און שעהן ביסטו געווען. וואָס זשע איז דאָס ! וואָסערע אכזרים זיינען מענשען ! צו וואָס איז דאָס ? ווער האָט

עס גערדאַרפט ? דו, מיין גוטער, מיין אומגליקליכער, מיין טייערער, טייערער...

און דאָ זיינען זיי זיך אויף איהר געשריי אַלע צונויפגעלאָפען, אי די מאַמע, אי די שוועסטער, אי די ניאַניע, און אַלע האָבען זיי געוויינט, גערעדט עפּעס, זיך געוואַלגערט ביי מיינע פיס, און אַזוי געוויינט. און אויפ׳ן שוועל איז געשטאַנען דער ברודער, אַ בלאַ־סער, גאָר ווייס, אַ צאָהן אָן אַ צאָהן האָט איהם געקלאַפּט און האָט געשריען קוויטשענדיג :

— איך וועל דאָ מיט אייך פון זינען אראָב. פון זינען אראָב !

און די מאַמע איז געקראָכען ארום שטוהל און האָט שוין ניט געוויינט נאָר געכריפּעט האָט זי, און זיך געשלאָגען מיט׳ן קאָפּ אין די רעדער. און אַ ריינס, מיט אויפגעשלאָגענע קישענס, מיט אַן אָנגעצויגענער דעקע, איז געשטאַנען דאָס בעט, דאָס אייגענע, וואָס איך האָב געקויפט פאַר פיער יאָהרען — פאַר דער חתונה.

ניינטעס קאַפּיטעל.

. . . איך בין געזעסען אין אַ וואַנע פול מיט הייסע וואַסער, און דער ברודער האָט זיך אומרוהיג אומגעדרעהט איבער׳ן קליינעם צי־מער, אָט זעצט ער זיך, אָט שטעהט ער אויף, כאַפּט אין די הענד אריין די זייף, דעם ליילעך, טראָגט זיי אונטער צו זיינע קורצזיכטיגע אויגען און לעגט זיי ווייטער אַוועק. נאָכדעם האָט ער זיך אַוועק־געשטעלט מיט׳ן פּנים צום וואַנד, און קאַלופּענדיג מיט׳ן פינגער די שטוקאַטורקע האָט ער היים גערעדט :

— בעטראַכט אַליין : דאָס וואָס מען לערנט מענשען צעהנד־ליגער, הונדערטער יאָהרען, רחמנות, שכל, לאָגיק — מען גיט זיי בעוואוסט זיין, קען דאָך ניט בלייבען אונבעשטראָפט. דערהויפּט — בעוואוסט זיין. מען קען אויפהערען רחמנות האָבען, פערליערען יעדער מיטגעפיהל, זיך צוגעוואָהנען צו זעהען בלוט און טרעהרען און יסורים — אָט ווי קצבים, ווי אַנדערע דאָקטוירים אָדער וואָיע־נע ; ווי איז אָבער מעגליך, אז שוין דערקענענדיג דעם אמת, זיך אָבזאָגען פון איהם ? איך מיין, אז דאָס איז אונמעגליך. פון קינד־

ווייז אַן האָט מען מיך געלערענט צער בעלי חיים, רחמנות ; אַלע ביכער, וואָס איך האָב געלייענט, האָבען מיך אויך געלערענט דאָס אייגענע און מיט אַ וועהטאָג אין הארצען טהוען מיר באַנק יענע, וואָס ליידען אויף אייער פערפלוכטער מלחמה. נאָר אַט געדויערט אַ צייט, און איך הויב זיך אָן צו געוועהנען צום טויט, צו יסורים, צו בלוט ; איך פיהל, אז אין געוועהנליכען לעבען, האָב איך אויך ווייניגער מיטגעפיהל, אַן אומגליק ריהרט מיר ווייניגער, און רוף זיך אָב סיידען עס טרעפט שוין עפּעס גאָר אויפרעגענדעס — נאָר צום פאַקט פון דער מלחמה גופא, קען איך זיך ניט צוגעוועהנען ; מיין שכל קען ניט בעגרייפען און ערקלערען דאָס, וואָס ס'איז פון גרונד אוים משוגע. אַ מיליאָן מענשען, וועלכע האָבען זיך צונויפגעקליע־בען אין איין אָרט און בעמיהען זיך צו טהון, וואָס זיי טהוען, מיט אַ גאַנג, מיט אַן אָרדנונג, הרג'ענען איינע די אַנדערע, און אַלעמען טהוט גלייך וועה, און אַלע זיינען גלייך אומגליקליך — וואָס זשע איז דאָס אַזוינס, ס'איז דאָך אַ משוגעת ?

דער ברודער האָט זיך אומגעקעהרט ,און גלייך ווי ער וואָלט עפּעס געהאַט צו פרעגען אַזוי האָט ער אַנגעשטעלט אויף מיר זיינע קורצזיכטיגע, אַביסעל תמימות'דיגע אויגען.

— אַ רויטער געלעכטער, — האָב איך געזאָגט פרעהליך, פאַר־ליוסקענדיג זיך.

— און איך וועל דיר זאָגען דעם אמת — דער ברודער האָט גוטמוטהיג ארויפגעלעגט זיין קאַלטע האנד אויף מיין פּלייצע, גלייך ווי ער וואָלט זיך דערשראָקען דערפאַר, וואָס זי איז נאַקעט און נאַס, און האָט זי באַלד צוגעכאַפּט — איך וועל דיר זאָגען דעם אמת. איך האָב זעהר מורא, איך זאָל ניט אַראָבגעהן פון זינען. איך קען בשום אופן ניט פערשטעהען, וואָס עס געהט דאָ פאָר. איך קען ניט פערשטעהען, און דאָס איז שרעקליך. ווען עמיצער וואָלט עס מיר געקענט דערקלערען, נאָר קיינער קען ניט. דו ביסט געווען אויף דער מלחמה, האָסט געזעהען — ערקלעהר מיר.

— געה צום טייוועל ! — האָב איך איהם אין אַ גלייכוואָרט געענטפערט, פאַלוסקענדיג זיך.

— אַט דו אויך, — האָט דער ברודער אומעטיג געזאָגט, —

קיינער האָט ניט כח מיר צו העלפען. דאָס איז שרעקליך! און איך הער אויף צו פערשטעהן, וואָס מען מעג און מען טאָר ניט, וואָס איז קלאָר און וואָס איז משוגע. אויב איך וועל דיך באַלד אָנ־נעהמען פאר'ן גאָרגעל, תחלת פאַמעליך, ווי לאַשטשענדיג זיך, נאָכ־דעם שטאַרקער, און וועל דיך דערשטיקען — וואָס וועט עס זיין?

— דו רעדסט נארישקייט, קיינער טהוט עס ניט.

דער ברודער האָט אָנגעריבען זיינע קאַלטע הענד, אַ שטילען שמייכעל געטהאָן און ווייטער גערעדט:

— ווען דו ביסט נאָך געווען דאָרט זיינען געווען נעכט, וואָס איך בין ניט געשלאָפען, וואָס איך האָב ניט געקענט אַנשלאָפען ווערען, און דאַמאַלס פלעגען מיר ארויפקומען ווילדע געדאַנקען: נעהמען אַ האַק און געהן אויסהרג'ענען אַלעמען: די מאַמע, די שוועסטער, די דיענסט, אונזער הונד. ס'פערשטעהט זיך אַז דאָס זיי־נען נאָר געווען געדאַנקען, און איך וועל עס קיינמאָל ניט טהאָן.

— איך האָף, — האָב איך אַ שמייכעל געטהאָן, פּאָליוסקענ־דיג זיך.

— אָט האָב איך מורא פאַר מעסערס, פאַר יעדע שאַרפע זאַך, פאַר יעדער בלישטשענדע זאַך: מיר דאַכט זיך, אַז אויב איך וועל נעהמען אַ מעסער אין האַנד, וועל ניט אַנדערש, ווי וועמען עס איז קוילען. — טאַקע אין אמת'ן — פאַר וואָס ניט קוילען, אויב דאָס מעסער איז שאַרף?

— גרונד געגוג. וואָסער אַ מאָדנע בריאה דו ביזט עס! גיב אַקאָרשט אַהער נאָך אַביסעל וואַרימע וואַסער.

ער האָט געעפענט דעם קראַן, אָנגעלאָזט וואַסער און ווייטער גערעדט:

— אָט האָב איך מורא פאַר אַן עולם, פאַר מענשען, ווען זיי קומען זיך צונויף אַ סך אינאיינעם, אויך. הער איך פון אָבענד עפּעס אַ גערויש אויפ'ן גאַס, אַ הויך קול, ווער איך אַ דערציטערטער און מיין, אַז דאָס האָט עס זיך שוין אָנגעהויבען... אַ שחיטה. זעה איך עטליכע מענשען שטעהען איינע געגען די אַנדערע, און איך הער ניט וועגען וואָס זיי ריידען, הויבט זיך מיר אָן אויסצואוווייזען, אַז באַלד וועלען זיי אָנהויבען שרייען, ארויספאַלען איינע אויף די

אנדערע און עס וועט זיך אָנהויבן אַ הריגה. און ווייסטו — האָט ער זיך אָנגעבויגען און איינגערוימט אין אויער אריין — די ציי־טונגען זיינען פול מיט ידיעות וועגען הריגות, עפּעס וועגען משונה׳־דיגע הריגות. ס׳איז גאָרניט וואָס ס׳זיינען דאָ אַ סך מענשען מיט אַ סך שכל׳ן — ד י מ ע נ ש ה י י ט האָט נאָר איין שכל און ער הויבט זיך אָן מישען. גיב אַ טאַפּ מיין קאָפּ, ווי היים ער איז. פייער איז אין איהם. ס׳טרעפט אמאָל, אז ער ווערט קאַלט, אַלעס ווערט אין איהם פערפרוירען, פערקיהלט, און ס׳ווערט דערפון אַ מורא׳דיגער, טויטער אייז. איך מוז משוגע ווערען. לאַך ניט, ברודער: איך מוז פון זינען אראָב. — ס׳איז שוין אַ פיערטעל שעה — דיר איז צייט פון וואַנע ארויסצוגעהען.

— נאָך אביסעל. אַ מינוטעלע.

מיר איז אזוי גוט געווען צו זיצען אין וואַנע ווי פריהער, און הערען אַ בעקאַנטע שטימע, ניט ארייגלאָזענדיג זיך אין די ווער־טער, און זעהן אַלץ בעקאַנטעס, פּשוט׳עס, געוועהנליכעס: אַ קור־פערנעם, אביסעל אַ פערגרינטען, קראַן, די ווענט מיט אַ בעקאַנטען קווייטעל, אַלע נויטיגע זאַכען צו אַ פאָטאָגראַפיע, וואָס ליעגען אין אָרדנונג אויסגעלעגט אויף די פּאָליטשקעס. איך וועל זיך ווידער פערנעהמען מיט פאָטאָגראַפירען, אראָבנעהמען איינפאַכע, שטילע אויסזיכטען און דעם זוהן: ווי ער געהט, ווי ער לאַכט און ווי ער שטיפט. דערמיט קען מען זיך פערנעהמען אָהן פּיס אויך. און ווידער אמאָל וועל איך שרייבען — וועגען קלוגע ביכער, וועגען נייע אויפטהועכטסען פון׳ם מענשליכען געדאַנקען, וועגען שעהנ־קייט און וועגען שלום.

— האָ—האָ—האָ! האָב איך זיך אויסגעקרייעט, פּאָליוס־קענדיג זיך.

— וואָס איז מיט דיר? — האָט זיך דער ברודער דערשראָקען און איז בלייך געוואָרען.

— אזוי פרעהליך, וואָס איך בין אין דער היים.

ער האָט מיר צוגעשמייכעלט, ווי מען שמייכעלט צו אַ קינד, ווי אַ קלענערען, כאָטש איך בין געווען מיט דריי יאָהר עלטער

פון איהם, און האָט זיך פערטראכט, — ווי א דערוואקסענער, ווי אן עלטערער, וואָס האָט גרויסע, שווערע און אַלטע געדאנקען.

— וואוהין אנטלויפט מען ? — האָט ער געזאָגט קוועטשענדיג מיט די פּלייצעס. — יעדער טאָג, כמעט אין דער אייגענער שעה פערשליעסען די צייטונגען א שטראָם און א שוידער נעהמט דורך די גאנצע מענשהייט. אָט דאָס פּיהלען, טרעהרען, געדאנקען, ליי־דען און שרעק, וואָס קומען צונויף אַלע אינאיינעם, אין איין צייט, נעהמט אָב פון מיר יעדער אָבשפּאר, און איך בין — ווי א שפּאנ־דעל אויף חוואַליעס, ווי א זעמדעל אין שטורם. איבער געוואַלד רייסט עס מיך אָב פון׳ם געוועהנליכען, און יעדער פריהמאָרגען קומט איין שרעקליכער מאָמענט. ווען איך הענג אין די לופטען איבער א שווארצען תהום פון משוגעת, און איך וועל ארייגפאַלען אין דעם תהום, איך מוז אין איהם ארייגפאַלען. דו, ברודער, ווייסט נאָך ניט אַלץ. דו לייענסט קיין צייטונגען ניט, א סך בעהאלט מען פון דיר — דו ווייסט נאָך ניט אַלץ, ברודער.

און דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, האָב איך אָנגענומען פאַר א ביטערען וויץ אביסעל, — אזא מזל האָבען יע״ין געהאַט אַלע יענע, וואָס האָבען צוליעב זייער אייגענעם משוגעת זיך גענומען צום האַר־צען דאָס משוגעת פון דער מלחמה, און האָבען אונז געוואָלט פערד היטען. פאַר א גלייך וואָרט האָב איך עס אָנגענומען — גלייך ווי איך וואָלט אין דער מינוט, פּאַליוסקענדיג זיך אין הייסער וואסער, געהאַט פערגעסען אַלץ, וואָס איך האָב דאָרט געזעהען.

— נו, זאָלען זיי בעהאַלטען, — און איך מוז ארויסקריכען פון וואַנע ,— האָב איך לייכטזיניג געזאָגט. און דער ברודער האָט א שמייכעל געטהאָן און ארייגגערופען דעם דיענער,ביידע האָבען זיי מיך ארויסגענומען און אָנגעטהאָן. נאָכדעם האָב איך געטרונ־קען געשמאַקע טהיי פון מיין אויסגעקריצטער גלאָז, און האָב גע־מיינט, אז מען קען לעבען אָהן פיס אויך, נאָכדעם האָט מען מיך אָבגעפיהרט אין קאַבינעט צו מיין טיש, און איך האָב זיך צוגע־גרייט צו ארבייטען.

ביז דער מלחמה האָב איך געאַרבייט אין א זשורנאַל, געשריע־בען וועגען אויסלענדישע ליטעראַטור, און איצט איז נעבען מיר גע־

לעגען א גאנצער בארג פון די ליעבע, שעהנע ביכער, אין געלע, בלויע און ברוינע אומשלאגען. מיין פרייד איז געווען אזוי גרויס, מיין פערגעניגען אזוי טיעף, אז איך האָב זיך ניט ערלויבט אָנהויבען צו לייענען, און האָב נאָר איבערגעקוקט די ביכער, און זיי ליעבליך געגלעט מיט דער האנד. איך האָב געפיהלט, אז איבער מיין פּנים איז אויסגעגאָסען א שמייכעל, זעהר אַ נארישער מסתמא, נאָר איך האָב זיך ניט געקענט אָבהאַלטען דערפון, פרעהענדיג זיך מיט דער שריפט, מיט די קוויטלאך אויף די פאָדערבלעטער. וויפיעל שכל און שעהנהייטס-געפיהל שטעקט אין דעם אַלעם! וויפיעל מענשען האָבען געדארפט ארבייטען, זוכען, וויעפיעל טאַלענט און געשמאַק האָט מען געמוזט אוועקלעגען כדי צו בעשאַפען כאָטש אָט דאָס איינע אות, דאָס פשוטע אות, וואָס איז אזוי שעהן, קלוג, האַרמאָניש און שיינענדיג אין זיינע פערפלאָנטעטע פּאַסקעלעך.

— און איצט צו דער ארבייט, — האָב איך ערנסט געזאָגט, מיט אַן עהרענגעפיהל צו דער ארבייט.

איך האָב גענומען אַ פעדער, כדי אויפצושרייבען אַ קאָפּענשור — און, ווי אַ זשאַבע, וואָס איז אָנגעבונדען אויף אַ שטריקעל, האָט זיך מיין האנד אויפ'ן פּאַפּיער אַ וואָרף געטהאָן. די פעדער איז געקראָכען אין פּאַפּיער אריין, געסקריפּעט, געשפּרונגען, כסדר געקראָכען אין אַ זייט און האָט אויסגעפיהרט משונה'דיגע שטריכען, אָבגעהאַקטע, קרומע, אָהן יעדען זין. און איך האָב ניט געשריען און זיך קיין ריהר געטהאָן — אַ פערקיהלטער, אַן אָבגעשטאָרבענער בין איך געוואָרען, דערקענענדיג דעם שרעקליכען אמת, וועלכער דערנעהנטערט זיך; — און די האַנד איז געשפּרונגען איבער'ן העל בעלויכטעטען פּאַפּיער, און יעדער פינגער אין איהר האָט געציטערט מיט אַזאַ יאוש'דיגען, משוגענעם שרעק גלייך ווי זיי, אָט די פינגער, וואָלטען געווען דאָרט ערגעץ, אויף דער מלחמה, און וואָלטען געזעהען דאָס פייער און דאָס בלוט. און וואָלטען געהערט דאָס קרעכצען און דאָס וויינען פון אונגעהייערען שמערץ. אָבגעטיילט האָבען זיי זיך פון מיר, אָבגעלעבט האָבען זיי, אויערען און אויגען איז פון זיי געוואָרען, אָט די משוגענע ציטערדיגע פינגער; און וועהרענדיג אַ פערקיהלטער, ניט האָבענדיג קיין כח אַ געשריי

צו טהאָן און זיך אַ ריהר צו טהאָן, האָב איך זיך צוגעקוקט צו זייער ווילדען טאַנץ איבער'ן ריינעם, קלאָר־ווייסען פּאַפּיער.

און שטיל איז געווען. אז איך ארבייט האָבען זיי געמיינט, האָבען זיי פערמאַכט אַלע טהירען, קיין שאָרך זאָל מיר ניט שטע־רען, — איינער אַליין, ניט זייענדיג אימשטאַנד אַ ריהר צו טהאָן זיך, בין איך געזעסען אין צימער און אויפמערקזאַם געקוקט, ווי די הענד ציטערען.

— דאָס איז גאָרניט, — האָב איך אין דער הויך אויסגעשריען, און אין דער שטילקייט און איינזאַמקייט פון צימער, האָט דאָס קול אָבגעקלונגען הייזעריג און ניט גוט, ווי דאָס קול פון אַ משוגע־נעם.

דאָס איז גאָרניט. איך וועל דיקטירען. אָט איז דאָך מילטאָן אויך בלינד געווען ווען ער האָט געשריעבען זיין „אומגעקערטען גן ערן“. דענקען קען איך — און דאָס איז דער עיקר, דאָס איז אַלץ.

און איך האָב אָנגעהויבען פערפאַסען אַ לאַנגע, קלוגע פראַזע וועגען דעם בלינדען מילטאָן, נאָר די ווערטער האָבען זיך געפּלאָנ־טעט, ארויסגעפאַלען, ווי פון שלעכטען זאַץ, און אז איך האָב גע־האַלטען ביים סוף פראַזע, האָב איך שוין געהאַט דעם אָנהויב פער־געסען. דעמאָלט האָב איך זיך געוואָלט דערמאָהנען, פון וואָס האָט עס זיך אָנגעהויבען, פאַרוואָס פערפאַס איך עפּעס אָט די משונה־דיגע, נאַרישע פראַזע וועגען עפּעס אַ מילטאָן — און האָב ניט געקענט.

— „אומגעקערטער גן ערן“. „אומגעקערטער גן ערן“, — האָב איך אַלץ געחזר'ט, און ניט פערשטאַנען, וואָס דאָס בעטייט.

און דאָ האָב איך זיך געכאַפּט, אז איך פערגעס בכלל אַ סך זאַ־כען, אז איך בין געוואָרען מאָדנע צוטראָגען און פערבייט בעקאַנטע פּנים'ער ; אז אַפילו אין אַ פּשוט'ען שמועס פערליער איך ווער־טער, קען בשום אופן ניט פערשטעהען זייער זין. מיר האָט זיך קלאָהר פאָרגעשטעלט, מיין היינטיגער טאָג : עפּעס אַ משונה'־דיגער, קורצער, אָבגעהאַקטער, ווי מיינע פיס, מיט פּוסטע אונ־פערשטענדליכע ערטער — לאַנגע שטונדען אָהן בעוואוסטזיין, אָדער

אהן יעדער געפיהל, וועגען וועלכע איך קען זיך קיין זאך ניט דער־מאהנען.

מיין פרוי האב איך געוואלט אריינרופען, האב איך אבער איהר נאמען פערגעסען. — דאס האט מיך שוין ניט געחידוש'ט און ניט געשראקען. שטילינקערהייד האב איך ארויסגעשעפטשעט:

— ווייב!

דאס אומגעלומפערטע, זעלטען בענוצטע ווארט איז שטיל אב־געקלונגען, פערשוואונדען און קיין תשובה ניט ארויסגערופען. און שטיל איז געוועזן. זיי האבען מורא געהאט מיט א אונפארזיכטיגען טאן מיר די ארבייט צו שטערען, און שטיל איז געווען — אן עכ־טער קאבינעט פון א געלעהרטען, בעקוועם, שטיל, בריינגט צו דענ־קען און שאפען. „ליעבע, ווי זיי דאגה'ען דאס פאר מיר!" האב איך א צו־וויכטער א טראכט געטהאן.

...און א בעגייסטערונג, א הייליגע בעגייסטערונג האט גע־רוהט אויף מיר. די זון האט זיך אין מיין קאפ אנגעצונדען, און איהרע הייסע שאפענדע שטראהלען האבען זיך צושאטען איבער דער גאנצער וועלט, פערשפרייטענדיג בלומען און ליעדער, בלומען און ליעדער. און די גאנצע נאכט האב איך געשריעבען און ניט מיעד געווארען, פריי פליהענדיג אויף די פליעגעל פון דער מעכ־טיגער הייליגער בעגייסטערונג. גרויסעס האב איך געשריעבען, אונשטערבליכעס האב איך געשריעבען — בלומען און ליעדער. בלומען און ליעדער...

צווייטער טהייל

10־טעם קאַפּיטעל.

... צום גליק איז ער פאַראַכטאָגען פרייטאג געשטאָרבען. איך זאָג נאָך אַמאָל: ס'איז אַ גרויס גליק פאַר מיין ברודער. אָט דער קאַליקע אָהן פיס, מיט אַ ציטערדיגען גוף און אַ צובראָכענער נשמה, אַריינפאַלענדיג נאָך אין'ם משוגענעם עקסטאַז פון שאַפען, איז געוועזען מאוימ'דיג און טיעף אומגליקליך. אָט פון יענער נאַכט אָן האָט ער צוויי חדשים כסדר, געהאַלטען אין איין שרייבען, פון שטוהל ניט אויפגעשטאַנען, קיין עסען ניט גענומען, געוויינט און געזידעלט, אויב מען האָט איהם אויף אַ ווײַלע אוועקגעפיהרט פון טיש. מיט אַ אונגעוועהנליכע גיכקייט האָט ער געפיהרט די טרוקענע פעדער איבער'ן פּאַפּיער, אָבוואַרפענדיג איין בלעטעל נאָך'ן אַנדערען און האָט אַלץ געשריעבען און געשריעבען. ער האָט אין גאַנצען אויפגעהערט צו שלאָפען, נאָר צוויי מאָל האָט זיך אונז איינגעגעבען איהם אַוועקצולעגען אויף עטליכע שעה אין בעט, אַי דאָס ערשטע נאָכדעם ווי מען האָט איהם איינגעגעבען אַ גרויסע דאָזע שלאָף־געטראַנק; שפּעטער האָט שוין אַפילו דאָס אויך אויפגעהערט צו ווירקען אויף זיין משוגענעם עקסטאַז. אויף זיין פערלאַנג זיינען די פענסטער דעם גאַנצען טאָג געווען פערהאָנגען, און אַ לאָמפּ האָט געברענט, ס'זאָל אויסזעהען ווי נאַכט, און ער האָט געררויכערט אַ פּאַפּיראָס נאָך אַ פּאַפּיראָס און האָט געשריבען. דאַכט זיך, אַז ער האָט זיך געפיהלט גליקליך און ביי געזונדע מענשען האָב איך קיינמאָל ניט געזעהען אַזאַ בעגייסטערט פּנים — אַ פּנים פון אַ נביא, אָדער פון אַ גרויסען פּאָעט. ער איז געוואָרען אַזוי אויסגעמאָרעט, אַז ער האָט אויסגעזעהען ווי אַ דורכזיכטיגער וואַקסענער גוף, אָדער ווי איינער וואָס פּאַסט כל ימיו און איז אינגאַנ־

צען גרוי געוואָרען ; און אָנגעהויבען האָט ער זיין ארבייט כמעט נאָך גאָר אַ יונגער, און אויסגעלאָזט האָט ער זי — אַ זקן. צו־מאָל פלעגט ער זיך היילען אָנצושרייבען מעהר ווי געוועהנליך, די פעדער פלעגט קריכען אין פאַפּיער און זיך ברעכען, נאָר ער האָט עס ניט בעמערקט ; דעמאָלט האָט מען איהם ניט געטאָרט אָנ־ריהרען, ווייל ביי דער קלענסטער בעריהרונג איז איהם אָנגעפאַלען היסטעריקע : טרעהרען און געלעכטער ; מינוטענווייז, זעהר זעל־טען, פלעגט ער אויפגעלעגט אָברוהען און דעמאָלט האָט ער מיר ווי א טובה געטהאָן און געשמועסט מיט מיר, שטענדיג האָט ער מיך דאָס אייגענע געפרעגט : ווער בין איך, ווי רופט מען מיך און צו פערנעהם איך זיך שוין לאַנג מיט ליטעראַטור.

נאָכדעם פלעגט ער „זיין אזוי גוט" און מיר דערצעהלען, און תמיד מיט די אייגענע ווערטער, ווי נאריש ער האָט זיך דערשראָ־קען, טאָמער האָט ער פערלאָרען דעם זכרון און קען ניט מעהר אר־בייטען, און ווי גלענצענד ער האָט באַלד די משוגענע השערה גע־מאַכט צו נישט, אָנהויבענדיג זיין גרויסע אונשטערבליכע ארבייט וועגען בלומען און ליעדער.

— אודאי ווארט איך ניט אז די היינטיגע זאָלען עס איינ־זעהען, — פלעגט ער זאָגען מיט גאוה און עניות אינאיינעם, ארויפ־לעגענדיג זיין ציטעריגע האנד אויף אַ הויפען ליידיג פאַפּיער, — נאָר די צוקונפט וועט פערשטעהען מיין אידעע.

די מלחמה האָט ער קיינמאָל ניט דערמאָנט, און דאָס ווייב מיט'ן זוהן אויך ניט ; ער איז אזוי וויט געווען אריינגעטהאָן אין זיין פאַנטאַסטישער, אונענדליכער ארבייט, אז ס'איז אַ צווייפעל צו האָט ער בכלל געוואוסט פון עפּעס אַנדערש אַ חוץ איהר. אין זיין געגענוואָרט האָט מען געמעגט געהן, ריידען האָט ער אפילו ניט בעמערקט, און זיין פנים האָט אפילו קיין איינציגע רגע ניט אויפגעהערט אויסצודריקען מורא'דיגע אָנגעשטרענגטקייט און בע־גייסטערונג. אין די שטילע נעכט, ווען אַלע זיינען געשלאָפען און ער אַליין איז ניט מיעד געוואָרען צו שפּינען דעם אונענדליכען פאָ־דעם פון משוגעת, האָט ער אויסגעזעהען שרעקליך און נאָר איך אָדער די מאַמע, האָבען זיך דאַן ערלויבט צוצוגעהען צו איהם.

איינמאָל האָב איך איהם אַנשטאָט אַ טרוקענער פעדער אַ בליי־פעדער געגעבען, טראַכטענדיג: אפשר שרייבט ער אין אמת׳ן וואָס ס׳איז, נאָר אויפ׳ן פּאַפּיער איז מעהר ניט געבליעבען ווי משונה׳דיגע פּאַסקעליעך, אַבגעהאַקטע, קרומע, אָהן יעדען זין.

און געשטאָרבען איז ער ביינאַכט, זיצענדיג ביי דער אַרבייט. איך האָב מיין ברודער גוט געקענט, און זיין משוגעת איז פאַר מיר ניט געקומען אומגעריכט: זיין ברענענדיגער חשק צו אַרבייט, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזען נאָך אין זיינע בריעף פון דער מלחמה, אין וועלכער ער האָט געזעהען דעם גאַנצען אינהאַלט און צוועק פון זיין לעבען נאָכדעם ווי ער האָט זיך אומגעקעהרט, האָט זיך געמוזט צוזאַמענשטויסען מיט דער שוואַכקייט פון זיין מיעדען, אויסגע־מאַטערטען מח און ברענגען צו אַ קאַטאַסטראָפע. און מיר דאַכט זיך, אַז מיר האָט אָבגעגאָלטען כמעט געגוי אַרויסצוגעפינען דעם גאַנצען גאַנג פון דעם, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, ביז ער איז גע־קומען צום סוף אין יענער אומגליקליכער נאַכט. בכלל, האָב איך אַלץ, וואָס איך האָב דאָ געשריעבען וועגען דער מלחמה, גענומען פון׳ם ברודערס ווערטער, אָפט צושטרויטע און אונגעאָרדענטע; נאָר עטליכע בילדער, זיינען געבליעבען אַזוי שאַרף און טיעף איינ־געברענט אין זיין מח, אַז איך האָב זיי געקענט ברענגען כמעט וואָרט ווערטליך, ווי ער האָט זיי דערצעהלט.

איך האָב איהם ליעב געהאַט, און זיין טויט ליעגט אויף מיר ווי אַ שטיין און דריקט מיין מח מיט דעם אונזין וואָס שטעקט אין איהם. צו דעם אונפערשטענדליכען, וואָס וויקעלט אום מיין קאָפּ ווי אַ שפּינוועבס, איז צוגעקומען נאָך אַ פּעטליע און האָט זי שטאַרק צוגעצויגען. אונזער גאַנצע פאַמיליע איז אַוועקגעפאָהרען אין דאָרף, צו קרובים, און איך בין איינער אַליין אין דעם גאַנצען הויז — אין דער איינזאַמקייט, וואָס מיין ברודער האָט אַזוי ליעב גע־האַט. די דיענערשאַפט האָט מען אָבגעזאָגט, און דער דוואָרניק פון׳ם שכנה׳שען הויז פלעגט קומען אַלע אין דערפריה הייצען די אויוועגס, און די איבעריגע צייט — בין איך אַליין. און זעה אויס ווי אַ פליעג, וועלכע מען האָט אריינגעכאַפּט צווישען ביידע ראַמען פון פענסטער, — איך וואַרף זיך און שלאָג זיך אָן אַ דורכזיכטי־

גען נאָר אַ שטאַרקען צוים, וואָס איך קען ניט בייקומען. און איך פיהל, איך ווייס, אַז פון דער שטוב וועל איך שוין ניט אַוועקגעהן. איצט, אַז איך בין איינער אַליין, האָט די מלחמה מיך אין גאַנצען פערשלונגען, און שטעהט פאַר מיר, ווי אַ אונפערשטענדליך רעטע־ניש, ווי אַ שרעקליכע רוחניות, וועלכער איך קען ניט אָנטהאָן קיין הויט און פלייש. איך שטעל זי מיר פאָר אויף כל'ערליי אופנים: אַ סקעלעט אָהן אויגען אויף אַ פערד; ווי אַ שאָטען אָהן יעדער פאָרם, וועלכער איז געבוירען געוואָרען ערגעץ אין די וואָלקענס און האָט שטילערהייט ארומגענומען די ערד, נאָר ווי אַזוי איך זאָל מיר ניט פאָרשטעלען, בעקום איך אַלץ קיין תשובה ניט און עס נעהמט אַלץ ניט אוים אינגאַנצען יענעם קאַלטען, שטענדיגען, פער־גליווערטען שרעק, וועלכער געוועלטיגט איבער מיר.

איך פערשטעה די מלחמה ניט און מוז פון זינען אראָב, ווי דער ברודער, ווי די הונדערטער מענשען, וואָס מען ברייננגט צו פיהרען פון דאָרט. און דאָס שרעקט מיך ניט. דאָס פערלירען דעם שכל ווייזט זיך מיר אוים אַנ'עהרענווירדיגע זאַך, ווי דאָס אומ־קומען פון אַ טשאַסאָוואָי אויף זיין שטעל, בעת ער ערפילט זיין חוב. נאָר אָבער דאָס ווארטען, דאָס לאַנגזאַמע, שטענדיגע אַלץ נעהענטער און נעהענטער קומען פון'ם משוגעת, דאָס אויגענבליקליכע פיהר־לען עפּעס אַנ'אונגעהויערעס, פאַלענדיגעס אין תהום, דער אונ־ערטרעגליכער וועהטאָג, וואָס מאַטערט אַזוי דעם מח... מיין האַרץ איז פערשטומט, ס'איז געשטאָרבען, און ניטאָ פאַר איהם מעהר קיין ניי לעבען, נאָר דער געדאַנקען — נאָך אַ לעבעדיגער, נאָך אַ ראַנגלענדיגער זיך, פריהער זייענדיג געזונד און שטאַרק ווי שמשון הגבור, און איצטער אָבהענגיג און שוואַך ווי אַ קינד — ער טהוט מיר באַנג, מיין אומגליקליכער געדאַנקען. מינוטענווייז קען איך ניט אריבערטראָגען די ענויים פון אָט די אייזערנע רייפען, וואָס דריקען אַזוי צונויף מיין מח; מיר ווילט זיך ארויסלויפען אויפ'ן גאַס, אויפ'ן פּלאַץ, וואו ס'זיינען דאָ מענשען, און אַ געשריי טהון:

— באַלד זאָלט איהר אויפהערען די מלחמה — אָדער...

נאָר וואָס פאַר אַנ„אָדער"? ס'זיינען דען דאָ ווערטער, וועל־כע זאָלען זיי קענען אומקעהרען צום שכל, ווערטער, וועלכע מען

וואָלט ניט געקענט אָבפּרעגען מיט אַנדערע אַזעלכע הויכע און פאַל־שע ווערטער ? אָדער פאַלען פאַר זיי אויף די קניה און ווײנען ? פערהילכט דאָך דער קרעכץ פון הונדערטער טויזענדער די וועלט, העלפט עס האָטש וויפיעל עס איז ? פאַר זיי אין די אויגען זיך אַ מעשה אָנטהון ? מאַכען זיך דעם טויט ? טויזענדער שטאַרבען טאָג טעגליך — העלפט עס דען האָטש וויפיעל ס'איז ?

און אַז איך פיהל אַזוי מיין שוואַכקייט, פאַלט אָן אויף מיר משוגעת — דאָס משוגעת פון דער מלחמה, וועלכע איז מיר מיאוס. מיר ווילט זיך, ווי יענעם דאָקטאָר, פערברענען זייערע הייזער, מיט זייערע אוצרות, מיט זייערע ווייבער און קינדער, פער'סם'ען דאָס וואַסער, וואָס זיי טרינקען ; אויפהויבען אַלע טויטע פון די קברים, און אַריינוואַרפען די מתים אין זייערע טמא וואָהנונגען, אויף זייע־רע געלעגערס. זאָלען זיי שלאָפען מיט זיי, ווי מיט זייערע ווייבער, ווי מיט די געליעבטע זייערע !

אָ, ווען איך וואָלט אַ טייוועל געווען ! די גאַנצע אימה, וואָס שטעקט אין גיהנום, וואָלט איך אַריבערגעטראָגען אויף זייער ערד ; איך וואָלט געוועלטיגט איבער זייערע חלומות, און בשעת זיי וואָל־טען, אַנשלאָפען־ווערענדיג מיט אַ שמייכעל אויף די ליפען, גע־לייענט „קריאת־שמע“ מיט זייערע קינדער — וואָלט איך זיך אוועק־געשטעלט פאַר זיי, אַ שוואַרצער...

יאָ, איך מוז פון זינען אַראָב — נאָר זאָל עס נאָר זיין גיכער. אבי נאָר גיכער...

11־טעם קאַפּיטעל.

... געפאַנגענע, עטליכע ציטערדיגע דערשראָקענע מענשען. אַז מען האָט זיי אַרויסגעפיהרט פון וואַגאָן, האָט דער עולם אַ הוזשע געטהון — אַ הוזשע, ווי אַ גרויסער, בייזער הונד, וואָס זיין קייט איז קורץ און ניט פעסט. אַ הוזשע געטהון און אַנשוויגען געוואָרען, אָבציהענדיג שווער דעם אָטהעם. — און זיי זיינען געגאַנגען אין איין הויפען, הארט איינער נעבען אַנדערען, די הענד אין די קע־שענעס, גלייך ווי מען וואָלט זיי פון אונטען, נידריגער פון די קניה, געדאַרפט אַ זעץ טהון מיט אַ לאַנגען שטעקען. נאָר איינער איז

געגאנגען אביסעל אין א זייט, א רוהיגער, ערנסטער, אָהן א שמייכעל, און אז איך האָב זיך בעגעגענט מיט זיינע שווארצע אויגען, האָב איך אין זיי איבערגעלייענט אָפענע, הוילע שנאה. איך האָב קלאָר דערזעהען, אז ער האסט מיך און מיינט, אז פון מיר קען ער אלעס דערוואַרטען : אויב איך זאָל באַלד אָנפאַלען אויף איהם, דעם אונבעוואָפענטען, און איהם אָנהויבען הרג'ענען, וואָלט ער אפילו קיין פּיפּס ניט געטהון, זיך ניט פערטהיידיגט און ניט פערענטפערט — פון מיר איז רעכט אלעס צו דערוואַרטען.

אינאיינעם מיט'ן עולם בין איך אויך געלאָפען, כדי נאָך אמאָל מיט די אויגען זיך בעגעגענען מיט איהם, און עס האָט זיך מיר איינגעגעבען, בעת זיי זיינען אריינגעגאנגען אין שטוב. דער לעצטער איז ער אריינגעגאנגען, פערביילאָזענדיג פריהער זיינע חברים, און האָט נאָך אמאָל א קוק געטהון אויף מיר. און דאָ האָב איך אין זיינע שווארצע אויגען, אָהן שווארצאַפּעל, דערזעהען אזא וועהטאָג, אזא תהום פון שרעק און משוגעת, גלייך ווי איך וואָלט אריינגעקוקט אין דער סאמע אומגליקליכסטער נשמה אויף דער וועלט.

— ווער איז דער, מיט די אויגען ? — האָב איך געפרעגט ביים קאָנוואָינעם.

— אָנ'אָפיציער. א משוגענער. ס'איז דאָ א סך אזוינע.

— ווי אזוי הייסט ער ?

— ער שווייגט, רופט ניט אָן זיין נאָמען. אפילו זיינע קענען איהם אויך ניט. אזוי, עפּעס א צונעמעניש. מען האָט איהם שוין איינמאָל פון דער תליה אראָבגענומען, נאָר וואָס !... — דער קאָנוואָינע האָט א מאַך געטהון מיט'ן האנד און פערשוואונדען אונטער'ן טהיר.

און אָט איצט, פון אבענד אָן, טראכט איך וועגען איהם. ער איז איינער צווישען שונאים, וועלכע ער האלט פאַר מסוגל אויף אלעס, און אפילו זיינע קענען איהם ניט. ער שווייגט און מיט געדולד ווארט ער, ווען ער וועט אינגאנצען קענען אוועקגעהן פון דער וועלט. איך גלויב ניט, אז ער איז משוגע, און ער איז קיין פּחדן ניט : נאָר ער איינער האָט זיך געהאַלטען בכבוד, צווישען דעם הויפען ציטערדיגע, דערשראָקענע מענשען, וועלכע ער האלט,

דאַכט זיך, אויך ניט פאַר זיינע. וואָס טראַכט ער ? וואָס פאַר אַ טיפער יאוש מוז שטעקען אין דעם מענשענ'ס נשמה, אַז אַפילו פון שטאַרבענדיג, וויל ער זיין נאָמען ניט אויסזאָגען. צו וואָס אַ נאָמען ? ער האָט געענדיגט מיט'ן לעבען, מיט די מענשען, האָט פערשטאַנען זייער אמת'ן ווערטה, און זיי זיינען ניט מעהר ארום איהם, ניט קיין אייגענע ניט קיין פרעמדע, אָט ווי זיי זאָלען ניט שרייען, זיך בייזערען און סטראַשען. איך האָב נאָכגעפרעגט אויף איהם : מען האָט איהם צוגענומען אינ'ם לעצטען שרעקליכען גע־שלעג, וואו ס'זיינען אומגעקומען צעהנדליגע טויזענדער מענשען, און ער האָט זיך ניט געשטעלט אַנטקעגען, בעת מען האָט איהם גענומען, מען האָט ביי איהם, צוליעב עפּעס, אָבגענומען דאָס געוועהר, און אַז דער סאָלדאַט, וועלכער האָט דאָס ניט בעמערקט, האָט איהם אַ קלאַפּ געטהון מיט דער שאַשקע, איז ער פון אָרט ניט אויפגעשטאַנען און די האַנד ניט אויפגעהויבען, כדי זיך צו פער־טהיידיגען. צום אונגליק זיינעם, האָט זיך ארויסגעוויזען, אַז די וואונד איז געווען אַ גרינגע.

און אפשר איז ער טאַקע אין אמת'ן משוגע ? דער סאָלדאַט האָט געזאָגט : ס'איז דאָ אַ סך אַזעלכע...

12־טען קאַפּיטעל.

...עס הויבט זיך אָן. אַז איך בין נעכטען ביינאַכט אריינ־געגאַנגען אין ברודערס קאַבינעט, איז דער ברודער געזעסען אין זיין שטוהל ביים טיש, וועלכער איז געווען אָנגעוואָרפען מיט ביכער. באַלד ווי איך האָב אָנגעצונדען אַ ליכט, איז די גאַליוצינאַציע פער־שוואונדען, נאָר איך האָב לאַנג ניט געקענט פועל'ן ביי זיך, צו זעצען זיך אויף דעם שטוהל, וואו ער איז געזעסען. אין אָנהויב איז געווען אַן אימה, — ליידיגע צימערען, וואו ס'הערט זיך עפּעס כסדר : טאַ אַ שאָרך, טאַ אַ קנאַק, מאַכען עס די אימה, — נאָר נאָכדעם איז עס מיר גראָד געפעלען געוואָרען : בעסער ער, איידער ווער עס איז אַן אַנדערער. פונדעסטוועגען בין איך דעם גאַנצען אָבענד פון שטוהל ניט אויפגעשטאַנען ; ס'האָט זיך מיר געדאַכט : אויב

איך וועל אויפשטעהען, וועט ער זיך באַלד זעצען אויף זיין אָרט. און אַרויסגעגאַנגען בין איך פון צימער מיט האסטיגע טריט, ניט אַרומקוקענדיג זיך. מען וואָלט געדאַרפט אין אַלע צימערען אָנצינדען פייער — איז עס דען אָבער כדאי? זעה נאָר, ס'זאָל ניט ערגער זיין, אויב איך וועל עפּעס דערזעהען ביי ליכט — אזוי בלייבט דאָך אַלעס אַ צווייפעל.

היינט בין איך מיט אַ ליכט אַריינגעגאַנגען און אויפ'ן שטוהל איז קיינער ניט געווען. מסתמא איז פּשוט עפּעס אַ שאָטען פערביי. נאָך אַמאָל בין איך אויפ'ן וואָגזאַל געווען — איצט געה איך אַהין אַלע אין דער פריה — און האָב געזעהען אַ פולען וואַגאָן מיט אונזערע משוגעים. מען האָט איהם אַפּילו ניט געעפענט, און אַריבערגעפיהרט אויף אַן אַנדער ליניע, נאָר דורך'ן פענסטער האָב איך אויספּייעט צו זעהן עטליכע פּנים'ער. זיי זיינען מאוים'דיג. איבערהויפּט איין פּנים. זעהר אויסגעצויגען, געל, ווי אַ לימענע, מיט אַ שוואַרץ אָפען מויל און פערגליווערטע אויגען, איז עס אזוי עהנליך געווען צו אַ שרעק־מאַסק, אַז איך האָב זיך ניט געקענט אָברייסען פון איהם. און דאָס פּנים האָט געקוקט אויף מיר, נאָר געקוקט, און איז געווען ווי פערגליווערט, — און אזוי איז עס אוועקגעשוואומען אינאיינעם מיט'ן אַוועקגעגאַנגענעם וואַגאָן, קיין ריהר זיך ניט געטהאָן, ניט געביטען דעם קוק. וואָלט ער זיך מיר דאָס פּנים איצט פאָרגעשטעלט, אין יענע פינסטערע טהירען, וואָלט איך אפשר ניט אויסגעהאַלטען. איך האָב געפרעגט: צוויי און צוואַנציג מענשען האָט מען געבראַכט. די אָנשטעקונג וואַקסט. די צייטונגען פערשווייגען. אין שטאָדט איז ניט אַלעס אין אָרדנונג. עס האָבען זיך בעוויעזען עפּעס שוואַרצע, אינגאַנצען פערמאַכט קאַרעטעס — אין איין טאָג, היינט, האָב איך געזעהען זעקס אַזעלכע, אין איינער אַזעלכער, וועל איך, מסתמא, אויך פאָהרען.

און די צייטונגען פאָדערען אַלע טאָג אַלץ נייע חיל, אַלץ נייע בלוט, און איך פערשטעה אַלץ ווייניגער, וואָס דאָס בעטייט. נעכטען האָב איך געלייענט אַן אַרטיקעל, וואָס האָט אין מיר אַרויסגערופען אַ גרויסען חשד, דאָרט האָט דער שרייבער בעוויעזען, אַז אין פאָלק זיינען דאָ אַ סך שפּיאָנען, בוגדים און מורדים. אַז מען דאַרף

זיין זעהר פּאַרזיכטיג און אויפמערקזאַם, און אַז דער כעס פון פאָלק וועט שוין אַליין געפינען די שולדיגע. וועלכע שולדיגע? שול־דיגע — אין וואָס? היינט, פאַהרענדיג פון וואַגזאַל אין טראַמוויי, האָב איך געהערט אַ מאָדנעם שמועס, מסתמא אויך וועגען איינעם:

— הענגען דאַרף מען זיי אָהן אַ משפט, — האָט איינער גע־זאָגט, וואָרפענדיג אַן אויספאַרשענדיגען קוק אויף אַלעמען, און אויף מיר. — די מורדים דאַרף מען הענגען, געוויס.

— אָהן רחמנות, —האָט דער אַנדערער צוגעבאַמקעט. — מען האָט שוין גענוג רחמנות געהאַט.

איך בין אַרויסגעשפּרונגען פון וואַגאָן. אַלע וויינען דאָך פון דער מלחמה. און זיי אַליין וויינען, — וואָס זשע בעטייט עס? עפּעס אַ בלוטיגער טומאַן האָט די וועלט ארומגעהילט, די אויגען פערשטעלט. און איך הויב אָן מיינען, אַז עס דערנעהענט זיך אין אמת'ן דער מאָמענט פון דעם וועלט־איבערקעהרעניש. דער רויטער געלעכטער, וואָס דער ברודער האָט געזעהן, דאָס משוגעת פון דאָרטען, פון יענע בלוטיגע פעלדער, און אין דער לופט פיהל איך זיין קאַלטען אָטהעם. אַ שטאַרקער, אַ קרעפטיגער מענש בין איך. איך לייד ניט פון יענע קערפערליכע קראַנקהייטען, וועלכע פער־וויסטען אויך דעם מח, נאָר איך זעה, ווי די אָנשטעקונג דערגרייכט מיך. און אַ העלפט פון מיינע געדאַנקען געהערען שוין ניט צו מיר. דאָס איז ערגער ווי אַ פּעסט מיט איהרע שרעקען. פון אַ פּעסט קען מען זיך פאַרט וואו עס איז בעהאַלטען, גענען איהר קען מען דאָך אָנוועגדען וועלכע עס איז מיטלען, ווי אַזוי בעהאַלט מען זיך אָבער פון אַ געדאַנקען, וואָס דרינגט אריין אומעטום, וואָס ווייסט ניט קיין ווייטקייט, קען ניט קיין אָבהאַלט?

בייטאָג קען איך זיך נאָך ראַנגלען, נאָר ביינאַכט ווער איך, ווי אַלע, אונטערטהעניג ביי מיינע חלומות; — און מיינע חלומות זייי־נען פול מיט משוגעת און שרעק...

13־טעם קאַפּיטעל.

...אומעטום שלעגערייען, נאַרישע און בלוטיג. דער קלענס־טער שטויס ברענגט צו ווילדע אָברעכענישען. און עס ווערען בע־

גוצט דערביי מעסער, שטיינער, שייטען האָלץ, און עס ווערט גלייכ־גילטיג, ווען מען צו הרג'ענען — דאָס רויט בלוט רייסט זיך ארויס־צוגעהן. און רינט אזוי גערן, אזוי פיעל.

זעקס פויערים זיינען עס געווען. און דריי סאָלדאַטען האָבען זיי געפיהרט, מיט אָנגעלאָדענע ביקסען. און די פויערים, אין זייע־רע ספּעציעל־פויערשע קליידער, פּשוט'ע און פערצייטיגע, האָבען זיי אויסגעזעהן ווי די פערצייטיגע מיט זייערע אייגענטהימליכע פּנים'ער, וואָס זיינען פונקט ווי פון ליים געמאַכט און בעפוצט מיט הענגענדיגער וואָל אָנשטאָט האָר. אויף די גאַסען פון א גרויסע שטאָדט, אונטער'ן שטאָדט, אונטער'ן קאָנוואָי פון געלערענטע סאָל־דאַטען — האָבען זיי אויסגעזעהן ווי די פערצייטיגע קנעכט. אויף דער מלחמה האָט מען זיי געפיהרט. און זיי זיינען געגאַנגען, אונ־טערגעבענדיג זיך די שפּיזען, אזעלכע אונשולדיגע און נאַרישע, ווי אָקסען, וועלכע מען פיהרט צו דער שחיטה. פאָראויס איז גע־גאַנגען א יונגער בחור, א הויכער, ניט בעוואָקסענער, מיט א לאַנ־גען, גענזען־ האַלז, אויף וועלכען ס'האָט געשטעקט א קליינער, אונבעוועגליכער קאָפּ. ער איז אין גאַנצען געווען אויסגעשטרעקט פאָראויס, ווי א צווייגעל, און האָט אזוי אָנגעשטרענגט געקוקט אראָב גלייך ווי זיין קוק וואָלט דורכגענומען די ערד דורך און דורך. צו לעצט איז געגאַנגען א ברייטביינערדיגער באָרדיגער, בעיאָהרענטער מענש ; ער האָט זיך ניט געוואָלט שטעלען ענטקעגען, אין זיינע אויגען איז קיין שום געדאַנקען ניט געווען צו זעהען, נאָר די ערד האָט זיינע פיס צו זיך צוגעצויגען, זיך איינגעגעסען אין זיי און ניט אָבגעלאָזט — און ער איז געגאַנגען אויסגעבויגען דעם גוף אויף הינ־טען, ווי מען געהט געגען א שטאַרקען ווינט. און ביי יעדער טריט — האָט איהם דער סאָלדאַט פון הינטען געשטופּט מיט'ן פריקלאַד פון ביקס. און איין פוס, אָנקלעבענדיג זיך, האָט זיך ווי אין א פיבער געוואָרפען פאָראויס און די אַנדערע האָט זיך שטאַרק צו־געקלעבט צו דער ערד. אן אומעט און א בייזקייט איז געלעגען אויף די סאָלדאַטענס פּנים'ער. און, קענטיג, אז זיי זיינען שוין לאַנג אזוי געגאַנגען —א מידיגקייט און א גלייכגילטיגקייט האָט זיך גע־פיהלט דערין — ווי זיי האָבען די ביקסען געטראָגען, ווי זיי האָבען

געשפּאַנט פונאַנדערגעוואָרפען און געשטעלט פויערשע טריט, גאָר ניט ווי סאָלדאַטען. גלייך ווי אַט דאָס נאַרישע, לאַנגע און שטילע זיך ענטקעגען שטעלען פון די פויערים, האָט פערטונקעלט זייער דיסציפּלינירטען קאָפּ. און זיי האָבען אויפגעהערט צו פערשטעהן, וואו זיי געהען און צו וואָס זיי געהען.

— וואוהין פיהרט איהר זיי ? — פרעג איך אַ סאָלדאַט, וואָס איז געגאַנגען ביים זייט. יענער האָט אַ ציטער געטהאָן, אַ קוק געטהון אויף מיר, און אין זיין שאַרפען בליציגען קוק האָב איך אַזוי קלאָר דערפיהלט אַ שפּיז, גלייך ווי זי וואָלט שוין געשטעקט אין מיין ברוסט.

— אוועק ! — האָט דער סאָלדאַט געזאָגט. — אוועק, אַז ניט...

יענער, דער בעיאהרענטער, האָט זיך שוין בענוצט מיט דער געלעגענהייט און איז ענטלאָפען — לייכט אונטערשפּרינגענדיג איז ער אוועקגעלאָפען צו דער רעשאָטקע פון'ם בולוואַר און האָט זיך צוגעזעצט אונטערבויגענדיג די קניע, גלייך ווי ער וואָלט זיך בעהאַלטען. אין אמת'ע בהמה וואָלט אויך ניט געקענט אָבטהון קיין גרעסערע נאַרישקייט, קיין גרעסערע משוגעת. נאָר דער סאָלדאַט, איז געוואָרען אין אונטערגעצונדענער. איך האָב געזעהען, ווי ער איז צוגעגאַנגען נאָהענט, זיך איינגעבויגען און, איבערלייגענדיג דעם ביקס אין דער לינקער האנד, האָט ער מיט דער רעכטער אַ ליאַסק געטהון אויף עפּעס אַ ווייכען און אַ גלאַטען. און נאָך. אין עולם האָט זיך צונויפגעקליבען. ס'האָט זיך געהערט אַ געלעכטער, קולות...

14־טעם קאַפּיטעל.

...אין דער עלפטער רייהע פּאַרטער, רעכט און לינקס האָבען זיך עפּעס וועמעס הענד ענג צוגעדריקט צו מיר, און ווייט ארום, אין האלב־פינסטערניש, האָבען ארויסגעסטאַרטשט אונבעוועגליכע קעפּ, לייכט בעלויכטענע מיט רויטען פון דער סצענע. און ביסלעכווייז האָט מיך אַנגענומען אַ שרעק פאַר דער מאַסע מענשען,

וואָס געפינען זיך אין דעם אייגענעם ארומנעהם. יעדערער פון זיי האָט געשוויגען און געהערט דאָס, וואָס ס'רעדט זיך אויפ'ן סצענע. און אפשר איז ער געווען אריינגעטהון אין זיינע אייגענע מחשבות. נאָר דערפאַר, וואָס זיי זיינען געווען אַ סך, האָט מען זיי, אין זייער שווייגען, געהערט בעסער איידער די הויכע שטימען פון די אקט־יאָרען. זיי האָבען געהוסט, געשנייצט, גערוישט מיט די קליידער. און מיט די פיס, און איך האָב קלאָר געהערט זייער טיעף, נערוועזע אָטהעמען, וואָס די לופט צו־וואַרעמט. מאוים'דיג זיינען זיי געווען, וויל יעדערער פון זיי האָט געקענט ווערען אַ מת. און אַלע האָבען זיי געהאט משוגענע קעפּ. אין דער רוהיגקייט פון די צוקעמטע זאַמילקעס, וועלכע האָבען זיך פעסט אָבגעשפּאַרט אָן די האַרטע ווייסע קראַגענס, האָב איך געפיהלט אַ שטורם פון משוגעת, וואָס איז יעדער מינוט גרייט אויסצוברעכען.

די הענד זיינען מיר פערקיהלט געוואָרען. אז איך האָב אַ טראַכט געטהון, ווי פיעל זיי זיינען דאָ, ווי שרעקליך זיי זיינען און ווי ווייט איך בין פון דעם אַרויסגאַנג. זיי זיינען רוהיג. און אז מען זאָל אַ געשריי טהון — „עס ברענט!"... און מיט פּחד האָב איך דערפיהלט אַן אונהיימליכען, שטאַרקען ווילען, וואָס קוים דער־מאָן איך זיך אָן איהם, ווערען מיינע הענד פערקיהלטע און בע־דעקט מיט שוויים. ווער לאָזט מיך ניט אַ געשריי טהון — זיך אויפהויבען, אומקעהרען צוריק און אַ געשריי טהון:

— ס'ברענט! ראַטעוועט זיך, עס ברענט!

אַ משוגענעם צוקען וועט אָננעהמען אַלע זייערע אברים. אויפ־שפּרינגען וועלען זיי. זיך פונאַנדערשרייען און פונאַנדער וואָיען ווי די חיות. זיי וועלען פערגעסען, אז זיי האָבען ווייבער, שוועס־טער און מוטערס, זיי וועלען זיך אָנהויבען שליידערען גלייך ווי זיי וואָלטען פּלוצלינג „געשלאָגען געוואָרען מיט בלינדעניש". און אין משוגעת וועלען זיי שטיקען איינער דעם אַנדערן מיט אָט די ווייסע פינגער, וואָס שמעקען מיט בשמים. מען וועט העל מאַכען דאָס פייער, און פון סצענע וועט אַ בלייכער שרייען, אז אַלץ איז רוהיג, ס'ברענט ניט, און מיט אַ ווילד פרעהליכקייט וועט די ציטערדיגע מוזיקע אָנהויבען שפּילען אָבהאַקענדיג זיך — און זיי וועלען גאָר

ניט הערען, — זיי וועלען שטיקען, טרעטען מיט די פיס, שלאָגען פרויען איבער די קעפּ. איבער די כיטרע, משונה פערדרייטע „פּריר טשאַסקעס“. איינער דעם אַנדערען וועט די אויערן אַראָב רייסען, די נעזער אָבבייסען. ווייל זיי זיינען משוגע. זייערע פּיהלענדיגע, איידעלע, שיינע, פערגעטערטע פרויען, וועלען שרייען ניט מיט זייער קול. זיך ווארפען, הילפלאָזע, ביי זייערע פיס, אַרומנעהמענדיג די קניה, אַלץ נאָך האָבענדיג צוטרוי צו זייער אָרענטליכקייט, — און מיט רשעות וועלען די מאַנען זיי שלאָגען אין זייערע שעהנעם, אויפ־געהויבענעם פּנים, און זיך רייסען צום אַרויסגאַנג. וואָרום זיי וועלען אַלע זיין רוצחים. זייער רוהיגקייט און זייער עהרליכקייט, איז מעהר ניט ווי די רוהיגקייט פון אַ זאַטער חיה, וואָס פיהלט, אַז זי געפינט זיך אויסער געפאהר.

און אַז אַ העלפט וועלען זיי מאַכען פאַר בר־מינן׳ס, און אַ ציטערדיג, אָבגעריסען הייפעל פערשעהמטע חיות וועלען זיי זיך צונויפקלייבען ביים אַרויסגאַנג, און שמייכלען אַ פאַלשען שמייכעל, וועל איך אַרויסגעהן אויפ׳ן סצענע און וועל זיי זאָגען מיט אַ געלעכטער:

— דאָס אַלץ האָט איהר דערפאַר, וואָס איהר האָט דער׳הרג׳־עט מיין ברודער.

מסתמא האָב איך עפּעס וואָס צו הויך אַרויסגעשעפּטשעט, ווייל מיין שכן אויף דער רעכטער זייט, האָט זיך בייז אָנגעהויבען דרעהען אויפ׳ן שטוהל און געזאָגט:

— שטילער! איהר לאָזט ניט הערען.

מיר איז היימליך געוואָרען און עס האָט זיך מיר פערוואָלט צו טרייבען קאַטאָוועס. מאַכענדיג אַן ערנסט, פאַרזיכטיג פּנים, האָב איך זיך אָנגעבויגען צו איהם.

— וואָס איז? — האָט ער געפרעגט מיט אַ חשד, — וואָס קוקט איהר אַזוי?

— זעהט, שטילער, — האָב איך קוים מיט די ליפּען אַרויסגע־שעפּטשעט, — איהר פיהלט, ווי ס׳שמעקט מיט טשאַד. אין טהעאַ־טער ברענט.

ער האט געהאט געגוג כח און שכל, ניט א געשריי צו טהאן. דאס פנים איז בלייך געווארען, די אויגען זיינען איהם ארויסגע־שטארטשעט, גרויסע ווי קעלבערנע פענכערס, נאר ער האט קיין געשריי ניט געטהאן. שטיל האט ער זיך אויפגעהויבען, מיר אפילו קיין דאנק ניט געזאגט און זיך געלאזט צום ארויסגאנג, אונטער־שאקלענדיג זיך און מיט ציטערדיגע, לאנגזאמע טריט. ער האט מורא געהאט, אנדערע זאלען זיך ניט אנשטויסען, אז ס'ברענט, און דער־ווייל ניט לאזען ארויסגעהן א י ה ם , דעם אייגציגען, וואס איז ווערטה געראטעוועט צו ווערען, וואס איז ווערטה דאס לעבען ניט צו פערליערען.

מיך האט אנגעהויבען עקלען און איך בין אויך אוועק פון טהעאטער, אגב האב איך ניט געוואלט צו גיך ארויסגעבען ווער איך בין. אויפ'ן גאס האב איך א קוק געטהאן אין יענער זייט הימעל, וואו די מלחמה איז געווען — דארט איז אלעס געווען רוהיג, און נאכטיגע, פון פייער געלבע וואלקען האבען זיך לאנגזאם און רוהיג בעוועגט. „אפשר איז דאס אין גאנצען א חלום, ס'איז גאר קיין שום מלחמה ניטא?" — האב איך א טראכט געטהאן — די רוהינקייט וואס אויפ'ן הימעל פון אויבען און אין שטאדט פון הינטען, האט מיך אבגענארט.

נאר פון אונטער עפעס א ווינקעל איז א יונגעל ארויסגעשפרונ־גען און מלא שמחה האט ער אויסגעשריען:

— א פייערדיג געשלעג. — אן אונגעהויער אגוועהר. קויפט א טעלעגראמע — א נאכט טעלעגראמע.

ביים לאנטערען האב איך זי איבערגעלייענט. פיער טויזענד גע'הרג'עטע. אין טהעאטער איז מסתמא געווען ניט מעהר ווי טוי־זענד מענשען. און דעם גאנצען וועג האב איך געטראכט: פיער טויזענד גע'הרג'עטע.

איצט האב איך מורא אריינצוקומען אין מיין פוסטער וואהנונג. אז איך שטעק נאר אריין דעם שליסעל און גיב א קוק אויף די שטור־מע, פלאטשיגע טהירען, פיהל איך שוין אלע זיינע פינסטערע, פוסטע צימערען, דורך וועלכע ס'וועט באלד דורכגעהן, ארומקוקענדיג זיך, א מענש אין א שליאפע. איך קען גוט דעם וועג, נאר אויף די טרעפ

נאָך הויב איך אָן צו ציגדען שוועבעלעך און צינד זיי אַזוי לאַנג, ביז איך געפין אַ ליכט. אין ברודער'ס קאַבינעט געה איך איצט ניט, און ער איז פערשלאָסען מיט אַלעס, וואָס אין איהם איז דאָ. און שלאָפען שלאָף איך אין עס־צימער, וואוהין איך האָב זיך אין גאַנצען איבער־געקליבען: דאָ איז רוהיגער און די לופט — גלייך ווי זי וואָלט נאָך האָבען אין זיך שפורען פון שמועסען, געלעכטער און דעם פרעה־ליכען קלאַנג פון געפעס. און אַמאָל הער איך קלאָהר דאָס קריצען פון אַ טרוקענער פעדער; — און אַז איך לעג זיך אין בעט....

פופצעהנטעם קאַפּיטעל.

... אָט דער משוגענער און שרעקליכער חלום. גלייך ווי מען וואָלט פון מיין מח אַראָבגענומען דעם ביינערנעם צודעק, און אַ שוצלאָזער, אַ הוילער, זויגט ער איין אין זיך, מיט הכנעה און דורשט, אַלע שרעקען פון אָט די בלוטיגע און משוגע'נע טעג. איך ליעג צונויפגעדרעהט אין אַ הויפען און פערנעהם מעהר ניט ווי אַ פּאָר ארשין פּלאַץ, און מיינע געדאַנקען נעהמען ארום די גאַנצע וועלט. מיט די אויגען פון אַלע מענשען קוק איך און מיט זייערע אויערען הער איך; איך שטאַרב אינאיינעם מיט די דערהרג'עטע; איך בייגק און וויין אינאיינעם מיט דעם, וואָס איז פערוואונדעט און פערגעסען, און אַז פון עמיצענס קערפּער רינט בלוט, לייד איך מיט איהם און פיהל דעם וועהטאָג פון דער וואונד. און דאָס, וואָס ס'איז נאָך ניט געווען און איז נאָך ווייט, זעה איך אַזוי קלאָר, ווי דאָס, וואָס איז געווען און איז נאָהענט, און דאָס ליידען פונ'ם גאַקעטען מח האָט קיין שיעור ניט.

אָט די קינדער, די קליינינקע, נאָך גאָר אונשולדיגע קינדער, אויפ'ן גאַס האָב איך זיי געזעהן, ווי זיי האָבען זיך געשפּיעלט אין מלחמה, זיינען נאָכגעלאָפען איינער דעם אַנדערען און עפּעס עמיצער האָט שוין געוויינט, מיט אַ דין קינדערש קול — און עפּעס האָט אין מיר אַ ציטער געטהון מיט שרעק און עקעל. און איך בין אַהיים אוועק־געגאַנגען, און ס'איז נאַכט געוואָרען — און אין פייערדיגע מחשבות, ענהליכע צו אַ שרפה אין מיטען דער נאַכט, האָבען די קליינע, אונ־שולדיגע קינדער אויסגעוויזען, ווי אַ מחנה פון קינדערס רוצחים.

עפּעס בייזעס האָט מיט אַ ברייטען, רויטען פייער געברענט, און אין רויך האָבען זיך געריהרט מאוים׳דיג משונה׳דיגע קינדער מיט קעפּ פון דערוואַקסענע רוצחים. געשפּרונגען זיינען זיי געשיקט און ריהרעוודיג, ווי שפּילענדיגע ציגעלעך, און געאָטהעמט האָבען זיי שווער, פּונקט ווי די קראַנקע. זייערע מיילער האָבען אויסגע־זעהן ווי די מיילער פון די זשאַבעס, און האָבען זיך געעפענט ברייט און ציטערנדיג; אונטער דער דורכזיכטיגער הויט, וואָס אויף זייערע לייבער, האָט געשטראָמט רויט בלוט און זיי האָבען געהרג׳עט איי־נער דעם אַנדערען, שפּיעלענדיג זיך. זיי זיינען געוועזען שרעקליכער פון אַלעם, וואָס איך האָב געזעהן, ווייל קליינינקע זיינען זיי געוועזן און האָבען זיך אומעטום געקענט אריינרוקען.

דורכ׳ן פענסטער האָב איך געקוקט, און איינער, אַ קליינינקער, האָט מיך דערזעהן, האָט אַ שמייכעל געטהון און מיט׳ן קוק האָט ער זיך געבעטען צו מיר.

— איך וויל צו דיר, — האָט ער געזאָגט.

— דו וועסט מיך הרג׳ענען.

— איך וויל צו דיר, — האָט ער געזאָגט און איז מיט אַמאָל בלייך און שרעקליך געוואָרען, און האָט אָנגעהויבען צו קלעטערען אַרויף אויף דער ווייסער וואַנד, ווי אַ קריסע, ווי גאָר אַ הונגעריגע קריסע. ער האָט געקלעטערט און געקוויטשעט, און אַזוי גיך האָט ער געשוועבט איבער דער וואַנד, אַז איך האָב ניט געקענט נאָכקוקען זיינע שנעלע, האסטיגע בעוועגונגען.

— ער קען דורכקריכען אונטער דער טהיר, — האָב איך מיט שרעק אַ טראַכט געטהון, און ער איז, גלייך ווי ער וואָלט געטראָפען וואָס איך טראַכט, געוואָרען שמאָל און לאַנג און איז גיך, דרעהענ־דיג מיט׳ן עק וויידעל, אַריינגעקראָכען אין שפּאַלט פון דער טהיר, פון׳ם פאָדערשטען איינגאַנג. נאָר איך האָב צייט געהאַט זיך צו בעהאַלטען אונטער דער דעקע און הערען, ווי ער, דער קליינינקער, זוכט מיך אין די פינסטערע צימערען, פאַרזיכטיג טרעטענדיג מיט זיינע קליינע, נאַקעטע פיסלעך, זעהר פּאַוואָלינקע, אָבשטעלענדיג זיך, איז ער אַלץ נעהענטער צוגעקומען צו מיין צימער און איז אריינגעגאַנגען; און לאַנג האָב איך קיין זאַך ניט געהערט, ניט קיין

ריהר, ניט קיין שאָרך, גלייך ווי געבען מיין בעט וואָלט קיינער ניט געווען. נאָר אַ קליין הענדטעל האָט אָנגעהויבען אויפצוהויבען דעם עק פון דער דעקע, און די קאַלטע לופט פון צימער איז צוגעקו־מען צו מיין געזיכט און צו מיין ברוסט. פעסט האָב איך די דעקע צוגעהאַלטען, נאָר זי, ווי איינגעשפּאַרט, איז אַבגעשטאַנען פון אַלע זייטען; און מיט אמאָל זיינען מיינע פיס אזוי קאַלט געוואָרען, גלייך ווי מען וואָלט זיי אַריינגעשטעקט אין וואסער. איצט זיינען זיי אונבעהאָלפען געלעגען אין דער קאַלטער פינסטערניש פון צי־מער, און ער האָט געקוקט אויף זיי.

אויפ'ן הויף האָט דער הונט אָנגעהויבען בילען און איז אַנט־שוויגען געוואָרען, און איך האָב געהערט, ווי ער האָט מיט'ן קייט גערעש'ט, אַריינקלויבענדיג זיך אין קאַנורע. און ער האָט געקוקט אויף מיינע נאַקעטע פיס און געשוויגען; נאָר געוואוסט האָב איך, אַז ער איז דאָ, איך האָב עס געוואוסט פונ'ם אונערטרעגליכען שרעק, וועלכער האָט מיך, ווי דער טוידט, פערקאָוועט אין אַ פער־שטיינערטער אונבעוועגליכקייט ווי אין קבר. וואָלט איך געקענט אַ געשריי טהון, דאַן וואָלט איך די גאַנצע שטאָדט, די גאַנצע וועלט אויפגעוועקט, נאָר מיין קול איז אָבגעשטאָרבען אין מיר, און רוהיג, ניט ריהרענדיג זיך, האָב איך געפיהלט, ווי קליינע, קאַלטע הענדטעלעך, בעוועגען זיך איבער מיין קערפּער, צוקומענדיג אַלץ נעהענטער צו'ם האַלדז.

— איך קען ניט! — האָב איך אַרויסגעקרעכצט מיט אַ פער־כאַפּטען אטהעם; אויף איין מינוט האָב איך זיך פון שלאָף אויפ־געכאַפּט און האָב דערזעהן די שאַרפע פינסטערניש פון דער נאַכט, אַ פערהוילענע און אַ לעבעדיגע; איך בין, דאַכט זיך, נאָך אמאָל איינגעשלאָפען...

— בערוהיג זיך! — האָט מיר דער ברודער געזאָגט, צוזעצענ־דיג זיך אויפ'ן בעט, און דאָס בעט האָט אַ סקריפּע געטהון, אַזוי שווער איז ער געווען, טויטערהייט. — בערוהיג זיך, דו זעהסט עס אין חלום. ס'האָט זיך עס דיר אויסגעוויזען, אַז מען שטיקט דיך, און די שלאָפסט אַ הארטען שלאָף אין פינסטערע צימערען, וואו קיינער איז ניטאָ, און איך זיץ אין מיין קאַבינעט און שרייב,

און אויסגעלאַכט האָט איהר מיך ווי אַ משוגע'נעם, נאָר איצט וועל איך דיר זאָגען דעם אמת. איך שרייב וועגען דעם רויטען גע־לעכטער, דו זעהסט איהם?

עפּעס אונגעהויערעס, רויטעס, בלוטיגעס איז געשטאַנען איבער מיר און האָט געלאַכט אָהן צייהן.

— דאָס איז דער רויטער געלעכטער. אז די ערד געהט אראָב פון זינען, הויבט זי אזוי אָן צו לאַכען. דו ווייסט דאָך, די ערד איז פון זינען אראָב. ניטאָ אויף איהר ניט קיין בלומען, ניט קיין ליעדער, קיילעכדיג איז זי געוואָרען, גלאַט און רויט, ווי אַ קאָפּ, פון וועלכען מען האָט די הויט אראָבגעריסען. דו זעהסט זי?

— יאָ, איך זעה, זי לאַכט.

— קוק, וואָס ס'מהוט זיך מיט איהר מח. רויט איז ער, ווי בלוטיגע קאַשע און פערפּלאָנטעט.

— זי שרייט.

— עס טהוט איהר וועה. זי האָט ניט קיין בלומען און ניט קיין ליעדער. איצטער לאָז — איך וועל זיך לעגען אויף דיר.

מיר איז שווער, איך האָב מורא.

— מיר טוידטע לעגען זיך אויף די לעבעדיגע. האַ, ווארעם?

— ווארעם.

— איז דיר גוט?

— איך שטארב.

— כאַפּ זיך אויף און גיב אַ געשריי. כאַפּ זיך אויף און גיב אַ געשריי. איך געה אוועק...

זעכצעהנטעס קאַפּיטעל.

...שוין דעם אכטען טאָג ציהט זיך דאָס געשלעג. פאַר־אכטאָגען פרייטאג האָט עס זיך אָנגעהויבען, און ס'איז אוועק שבת, זונטאג, מאָנטאג, דינסטאג, מיטוואָך, דאָנערשטאג — און נאָך אמאָל איז פרייטאג געקומען און פערביי, — און עס דויערט נאָך אלץ.ביידע ארמעעס, הונדערטער־טויזענדער מענשען שטעהען איינע געגען די אנדערע, טרעטען ניט אָב, און הערען ניט אויף צו

שיקען אויפטרייסענדיגע רעש'עדיגע קוילען; און יעדער מינוט ווערט פון לעבעדיגע מענשען — מתים, פון טומעל, דערפון, וואָס שטענ־דיג האַלט די לופט אין איין בעוועגען זיך, איז דער הימעל אליין אויך צוציטערט געוואָרען, און האָט צונויפגענומען איבער זייערע קעפּ שוואַרצע וואָלקען און שטורם. — און זיי שטעהען איינע געגען די אַנדערע, טרעטען ניט אָב, און הרג'ענען. אַז אַ מענש שלאָפט ניט דריי מעת־לעת, ווערט ער אַ קראַנקער און ס'ווערט ביי איהם קאַליע דער זכרון, און זיי שלאָפען שוין ניט אַ גאַנצע וואָך, און זיינען אַלע משוגע. דערפאַר טהוט זיי ניט וועה, דערפאַר ווילען זיי ניט אָבטרעטען, און ווילען זיך רייסען, ביז זיי ווילען זיך אַלע אויסהרג'ענען. מען איז מודיע, אַז ביי עטליכע טיילען האָט קיין קוילען ניט געקלעקט, האָבען זיך די מענשען דאָרט געשלאָגען מיט שטיינער, מיט די הענד, האָבען זיך געגריזשעט, ווי די הינט. אויב די, וואָס זיינען פון די מענשען איבערגעבליבען, ווילען זיך אומ־קעהרען אהיים, ווילען זיי האָבען באַקצייהנער, ווי די וועלף, — נאָר זיי ווילען זיך ניט אומקעהרען : זיי זיינען משוגע געוואָרען, און מען וועט זיי אַלעמען אויסהרג'ענען. משוגע זיינען זיי גע־וואָרען. אַלעס האָט זיך ביי זיי אין קאָפּ איבערגעקעהרט. און זיי פערשטעהען גאָר ניט : זאָל מען זיי האַסטיג אין דער גיך אומ־דרעהען, ווילען זיי אָנהויבען שיסען אין זייערע אייגענע, מיינענ־דיג, אַז זיי שלאָגען דעם שונא.

מאָדנע קלאַנגען... משונה'דיגע קלאַנגען, וואָס מען גיט אי־בער שושקענדיגערהייט, בלייך ווערענדיג דערביי פון אימה, און שוין בעצייטען פיהלענדיג דערביי עפּעס ווילדעס. ברודער, ברו־דער, הער, וואָס מען דערצעהלט פון'ם רויטען געלעכטער ! אַ סברה, אַז ס'האָבען זיך בעוויזען פאַנטאַסטישע מחנות. חילות פון שאָטענס, וואָס זעהען אויס פּונקט ווי לעבעדיגע. ביי נאַכט ווען די משוגע געוואָרענע מענשען שלאָפען איין און פערגעסען זיך אויף מינוט. אָדער אין הייסעסטען געשלעג בייטאָג, ווען אַפילו דער קלאָרסטער טאָג ווערט ווי אַ מין בלענדעניש, קומען זיי פּלוצ־לינג און שיסען מיט האַרמאַטען פון בלענדעניש, פול מאַבענדיג די לופט מיט בלענדעניש־געראויש. און מענשען, לעבעדיגע, נאָר משוגע'־

נע מענשען, זייענדיג איבערראשט, שלאָגען זיך אויף טויט געגען דעם פאנטאסטישען שונא, פון שרעק געהען זיי אראָב פון זינען, ווערען די מינוט גרוי, און שטאַרבען. דאָס בלענדעניש פערשוויג־דעט אזוי פּלוצלונג, ווי ס'איז געקומען, און ס'ווערט שטיל, און אויף דער ערד קומען צו נייע צוקאַליעטשעטע טויטע — ווער האָט זיי געהרג'עט? ווייסטו, ברודער, ווער ס'האָט זיי גע'הרג'עט?

נאָך צוויי געשלעגען ווערט שטיל, און די שונאים זיינען ווייט; פּלוצלינג אין א פינסטערער נאַכט — אנ'איינצעלנער, דערשראָ־קענער שאָס. און אלע שפּרינגען אויף, און אלע שיסען אין דער פינסטערניש. ווענען זעהען זיי דאָרט? ווער איז דער מאוימ'־דיגער, וואָס ווייזט זיי זיין שווייגענדיג בילד, פול שרעק און משוגעת? דו ווייסט, ברודער, איך ווייס אויך, און די מענשען ווייסען עס נאָך ניט, נאָר זיי פיהלען עס שוין, און פרעגען, בלאָס ווערענדיג: פאַרוואָס זיינען עפּעס דאָ אזוי פיעל משוגעים? — פריהער איז דאָך קיינמאָל אזוי פיעל משוגעים ניט געווען?

— אזוי פיעל משוגעים איז דאָך פריהער קיינמאָל ניט גע־ווען! — זאָגען זיי, בלייך ווערענדיג, און ס'ווילט זיך זיי גלויבען, אז ס'איז איצט ווי פריהער, און אז די אונגעהויערע געוואלט, וואָס מען טהוט אָן דעם שכל, ועט ניט אָנריהרען זייערע שוואכע מוחות.

— האָבען זיך דאָך מענשען פריהער און אלע מאָל אויך גע־שלאָגען, און אזוינס איז ניט געווען? דער שטרייט — איז א לעבענס־געזעץ, — זאָגען זיי זיכער און רוהיג, און אליין ווערען זיי בלייך, און אליין זוכען זיי מיט די אויגען א דאָקטאָר, און אליין שרייען זיי האסטיג: וואַסער, גיכער א גלאָז וואַסער!

גערן וואָלטען זיי, אַט די מענשען, אידיאָטען געוואָרען, אבי ניט הערען, ווי דער מח שאָקעלט זיך; ווי אין דעם קאמפּף מיט דער זינלאָזיגקייט, וואָס איז ניט נאָך די כחות נאָך, געהט אונטער זייער שכל. אין די דאָזיגע טעג, ווען דאָרטען הערט מען ניט אויף פון מענשען בר־מינן'ס מאַכען האָב איך אין ערגעץ קיין רוה ניט גע־קענט געפינען, בין איך צו מענשען געלאָפען און האָב א סך אזעלכע שמועסען געהערט, און האָב א סך אזעלכע בלומרשט שמייכעלדיגע פּנים'ער געזעהן, וועלכע פערזיכערען, אז די מלחמה איז ווייט און

געהער זיך מיט זיי ניט אָן. נאָר נאָך מעהר האָב איך בעגעגענט נאַקעטען, אמת'ן שרעק, און הילפּסלאָזע, ביטערע טרעהרען, וויל־דע, יאוש'דיגע געשרייען, בשעת דער גרויסער שכל גופא האָט, אָנשטרייענגענדיג אַלע זיינע כחות, ארויסגעשריגען פון מענשען זיין לעצטע בקשה, זיין לעצטע קללה:

— ווען זשע וועט זיך ענדיגען די משוגע'נע מלחמה!

ביי בעקאַנטע, וואו איך בין שוין לאַנג, אפשר עטליכע יאָהר, ניט געווען, האָב איך אומגעקעהרט פון דער מלחמה. אין שוהל איז ער מיינער א חבר געווען, נאָר איך האָב איהם ניט דערקענט; זיין מוטער אפילו, וועלכע האָט איהם געבוירען, האָט איהם אויך ניט דערקענט: ווען ער וואָלט א גאַנץ יאָהר אין קבר געלעגען, וואָלט ער זיך אויך אומגעקעהרט א סך מעהר עהנליך אויף זיך, ווי איצ־טער, — האָט זי געזאָגט. גרוי, ווייס איז ער אינגאַנצען געוואָרען; די שטריכען אויפ'ן פּנים האָבען זיך וועניג אומגעענדערט, — נאָר ער שווייגט און הערט זיך צו צו עפּעס — און דערפון ליעגט איהם אויפ'ן געזיכט א שרעקליכער צייכען פון אזא ווייטקייט, פון אזא פרעמדקייט צו אַלסדינג, אז ס'איז א מורא מיט איהם אָנהויבען צו ריידען. ווי מען האָט זיינע אייגענע דערצעהלט, איז ער אויף אזא אופן משוגע געוואָרען: זיי זיינען געשטאַנען אין רעזערוו, בעת דער דערבייאיגער פּאָלק איז אוועק אויף אַנ'אטאַקע מיט שפּיעזען. מענשען זיינען געלאָפען און געשריגען „הורראַ" אַזוי הויך, אז מען האָט כמעט דאָס שיסען ניט געהערט, — און פּלוצלונג האָט דאָס שיסען אויפגעהערט — און פּלוצלונג האָט דער „הוראַ" אויפגע־הערט, — און פּלוצלונג איז געוואָרען שטיל ווי אין א קבר: דאָס זיינען זיי עס דערלאָפען און עס האָט זיך אָנגעהויבען דאָס שפּיעזען־געשלעג. און אָט די שטילקייט האָט זיין מח ניט אויסגעהאַלטען.

איצט איז ער רוהיג; ווי לאַנג מען רעדט נעבען איהם, מען טומעלט, מען שרייט, דאַמאָלס הערט ער זיך צו און וואַרט; נאָר זאָל א מינוט שטיל ווערען —האַפּט ער זיך פאַר'ן קאָפּ, קריכט אויף די גלייכע ווענט, אויפ'ן מעבעל, און וואַרפט זיך ווי אין דער פּאַליגע, א סך פריינד האָט ער, בייטען זיי זיך אַלע און האַלטען איהם אין איין טומעל, בלייבען אָבער די נעכט, די לאַנגע, שטילע

נעבכט — דאָ האָט זיך צו דער ארבייט גענומען זיין פאָטער, אויך א גרוי ווייסער און אויך א שטיקעל משוגע'נער. ער האָט דעם זונ'ס צימער בעהאָנגען מיט גרויסע וואנד־זייגער, וואָס שלאָגען כמעט כסדר, יעדער אין אנ'אנדערע צייט; איצט פּראָוועט ער צו עפּעס א מין ראָד, וואָס איז עהנליך אויף א כסדר קנאקענדיגען גראַגער. אָלע האָפען זיי, אז ער וועט געזונד ווערען, ווייל ער איז ערשט אַלט זיעבען און צוואנציג יאָהר, און איצט איז ביי זיי אפילו פרעהליך אויך. איהם קליידט מען זעהר ריין — ניט אין וואיענע קליידער — מען פערנעהמט זיך מיט זיין אויסערען אויסזעהן, און מיט זיינע ווייסע האָר און נאָך יונגען פּנים, א פערטראַכטער, אויפ־מערקזאַמער, פיין אין זיין לאַנגזאַמען, מיעדען ריהרען זיך — איז ער אפילו שעהן אויך.

אז מען האָט מיר אַלעס דערצעהלט, בין איך צוגעגאַנגען און איהם א קוש געטהון אין האנד, וועלכע הויבט זיך שוין מעהר קיינ־מאָל ניט אויף פון א קלאָפּ וועגען, — און ס'האָט קיינעם בעזונ־דערס ניט געוואונדערט. נאָר זיין יונגינקע שוועסטער האָט צו מיר מיט די אויגען א שמייכעל געטהון, און נאָכדעם האָט זי אזוי געטאַנצט ארום מיר, גלייך ווי איך וואָלט איהר חתן געוועזן, און זי וואָלט מיך ליעב געהאַט מעהר ווי די גאַנצע וועלט. זי האָט אזוי געקלעבט צו מיר, אז איך האָב איהר שיעור ניט דערצעהלט פון אַלע מיינע פינסטערע און פוסטע צימערען, אין וועלכע איך בין ערגער, ווי איינער אַליין — דאָס מנול'דיגע האַרץ, קיינמאָל פערליערט עס די האָפנונג ניט... און זי האָט אזוי געמאַכט, אז מיר זיינען נאָר אין צווייען געבליבען.

— אך ווי בלייך איהר זענט און אונטער די אויגען רינגען, — האָט זי ליעבליך געזאָגט. — איהר זענט קראַנק? עס טהוט אייך באַנג אייער ברודער?

— אַלע טהוען מיר באַנג. און אביסעל בין איך ניט געזונד.

— איך וויים, פאַרוואָס איהר האָט זיין האנד א קוש געטהון. זיי האָבען עס ניט פערשטאַנען. דערפאַר, וואָס ער איז משוגע, איאָ?

— דערפאַר, וואָס ער איז משוגע, אמת.

זי האָט זיך פערטראַכט און איז עהנליך געוואָרען צום ברודער — נאָר זעהר א יונגינקע.

— און מיר, — זי האָט זיך אָבגעשטעלט און רויט געוואָרען, נאָר די אויגען ניט אַראָבגעלאָזט, — און מיר וועט איהר ערלויבען אייער האנד א קוש צו טהון?

איך האָב זיך געשטעלט פאר איהר אויף די קניה און געזאָגט:

— בענשט מיך.

זי איז אַביסעל בלייך געוואָרען, זיך אָבגערוקט און די ליפען איהרע האָבען ארויסגעשעפטעט:

— איך גלויב ניט.

— און איך אויך ניט.

א רגע האָבען איהרע הענד אָנגעריהרט מיין קאָפּ, און די רגע איז פערביי.

— דו ווייסט — האָט זי געזאָגט, — איך פאָהר אהין.

— פאָהר, נאָר דו וועסט ניט אויסהאַלטען.

— איך ווייס ניט. זיי דארפען אָבער, ווי דו, ווי מיין ברודער, זיי זיינען ניט שולדיג, דו וועסט מיך געדיינקען?

— יא. און דו?

— איך וועל געדיינקען. זיי געזונד!

— זיי געזונד אויף אייביג!

און איך בין רוהיג געוואָרען און מיר איז גרינג געוואָרען — גלייך ווי איך וואָלט שוין איבערגעלעבט דאָס שרעקליכסטע, וואָס ס'איז דאָ אין טויט און אין משוגעת. און דאָס ערשטע מאָל בין איך נעכטען רוהיג, אָהן שרעק אריינגעגאַנגען אין שטוב, אויפגעעפענט דעם ברודערס קאבינעט און בין לאַנג ביי זיין טיש געזעסען. און ביינאַכט, אַז איך האָב זיך פּלוצלונג אָנגעהאַפּט און דערהערט דאָס קראַצען פון א טרוקענער פעדער אויף פּאַפּיער, האָב איך זיך ניט דערשראָקען, און כמעט ווי מיט א שמייכעל האָב איך געטראַכט:

— ארבייט, ברודער, ארבייט! דיין פעדער איז ניט טרויעריג, אין לעבעדיג מענשען־בלוט איז זי איינגעטונקט. זאָלען זיך

דיינע בלעטלעך אויסווייזען פּוסט — מיט זייער גרויזאַמער פּוסט־קייט ריידען זיי פון מלחמה און פון שכל, מעהר ווי יענעם אַלעס, וואָס די קליגסטע מענשען האָבען אָנגעשריבען. אַרבייט, ברודער, אַרבייט!

...און היינט אין דער פריה האָב איך געלייענט, אַז דאָס געשלעג דויערט נאָך, און נאָך אַמאָל האָט מיך אַ אונהיימליכע אויפרעגונג אָנגענומען, און נאָך אַמאָל האָב איך אָנגעהויבען צו פיהלען, ווי עפּעס פאַלט מיר אין מח אריין. עס געהט, עס איז נאָ־הענט — עס איז שוין אויפ'ן שוועל פון אָט די פּוסטע און ליכטיגע צימערען. געדיינק, געדיינק זשע מיך, מיין ליעב מיידעלע: איך געה פון שכל אַראָב. דרייסיג טויזענד דער'הרג'עטע. דרייסיג טוי־זענד דער'הרג'עטע...

זיבענצעהנטער קאַפּיטעל.

...אין שטאָדט איז עפּעס אַ שלעגעריי. די מעשות, וואָס מען דערצעהלט זיינען דונקעל און שרעקליך...

אַכטצעהנטער קאַפּיטעל.

היינט אין דער פריה, איבערקוקענדיג אין דער צייטונג אַ אונ־ענדליכע רשימה פון גע'הרג'עטע, האָב איך בעגעגענט אַ בעקאַנטע פאַמיליע: דער'הרג'עט געוואָרען מיין שוועסטער'ס חתן, אַנ'אָפּי־ציער, וועלכען מען האָט צוגענומען אויף דער מלחמה, אינאיינעם מיט מיין ברודער. און אין אַ שעה אַרום האָט מיר דער בריעף־טרעגער אָבגעגעבען אַ בריעף, וואָס איז געשיקט געווען אויף מיין ברודערס אַדרעס. אויפ'ן קאָנווערט האָב איך דערקענט די האַנד־שריפט פון'ם גע'הרגעטען: אַ טויטער האָט געשריבען צו אַ טויטען. נאָר דאָס איז נאָך בעסער, ווי אַז אַ טויטער שרייבט צו אַ לעבעדיגען. מיר האָט מען געוויזען אַ מוטער, וועלכע האָט אַ חודש נאָכאַנאַנד בעקומען בריעף פון איהר זוהן, נאָכדעם, ווי זי האָט שוין אין צייטונגען געהאַט געלעזען פון זיין שרעקליכען טויט — אַ באָמ־

בע האָט איהם אויף שטיקער צוריסען, אַ גוטער זוהן איז ער געווען, און יעדער בריעף זיינער איז געווען פול מיט גוטע ווערטער, טרייסט און יוגענד נאאיווער האָפנונג עפּעס אויף אַ גליק. טויט איז ער געווען און מיט טייוועלשער פּינקטליכקייט האָט ער טאָג־טעגליך געשריבען וועגען לעבען, און די מוטער האָט אויפגעהערט צו גלויבען אין זיין טויט, — און אַז ס'איז אוועק אַ טאָג, און צוויי, און דריי, און ס'איז געקומען די שטילקייט פון טויט, האָט זי מיט ביידע הענד גענומען דעם זוהנ'ס אַ גרויסען, אַלטען רעוואָלווער, און האָט זיך געשאָסען אין דער ברוסט, דאכט זיך, אַז זי איז לעבען געבליבען — איך ווייס ניט, כ'האָב ניט געהערט.

לאַנג האָב איך בעקוקט דעם קאָנווערט און געטראַכט: ער האָט איהם אין די הענד געהאַלטען, ערגעץ האָט ער איהם געקויפט, געלד האָט ער געגעבען, אין דער דיענשטשיק איז געגאַנגען ערגעץ אין אַ קראָם, ער האָט איהם פערקלעבט, און נאָכדעם, איז ער אפשר אַליין געגאַנגען איהם אין קעסטעל אַראָבלאָזען. און אַראָד פון דער גרויסער מאַשינע, וואָס הייסט „פּאָטשט" האָט זיך אָנגעהויבען בעוועגען, און דער בריעף איז געשוואומען פערביי פעלדער, וועלדער און שטעדט, איבערגעהענדיג פון איינע הענד אין די אַנדערע, נאָר שטרעבענדיג אַלץ צו זיין ציעל. ער האָט די שטיוועל אָנגעטהון אין זיין לעצטען פריה־מאָרגען — און דער בריעף איז געשוואומען; אין גרוב האָט מען איהם אריינגעשליידערט און איהם פערשאָטען מיט טויטע קערפּער און מיט ערד — און דער בריעף איז אַלץ געשוואומען פערביי וועלדער, פעלדער און שטעדט, ווי אַ לעבעדיגער שאָטען, אין אַ גרויען געשטעמפּעלטען קאָנווערט. און איצט האַלט איך איהם אין די הענד.

אָט איז דער אינהאַלט פון בריעף, מיט אַ בלייפעדער אויף שטיקלעך פּאַפּיר איז ער געשריעבען און ניט געענדיגט, עפּעס האָט געשטערט.

...איצטער ערשט פערשטעה איך די גרויסע פרייד, וואָס שטעקט אין מלחמה, דאָס פערצייטיגע העכסטע פערגעניגען צו הרג'ענען מענשען — קלוגע, דורכגעטריבענע, חיטרע און אַ סך אינטערעסאַנטערע אפילו ווי די ערגסטע רויב חיות. שטענדיג לעבען

צונעהמען — איז פונקט אזוי גוט, ווי צו שפּיעלען דאָס טענים שפּיעל מיט פלאנעטען און שטערען, ווי באנג טהוט עס מיר, וואָס דו, אומגליקליכער פריינד, ביסט ניט מיט אונז, און מוזט זיך לאנג־ ווײלען אין דעם וואָכעדיגען לעבען, וואָס האָט קיין שום טעם ניט אין דער טויט אטמאָספּערע וואָלסטו געפונען דאָס, צו וואָס דו האָסט תמיד געשטרעבט מיט דיין אונרוהיגען, איידעלען הארצען, א בלוטיגער מאָהלצייט — אָט אין דעם אביסעל שוין פערעלטערטען גלייכעניש שטעקט דער רעכטער אמת. ביז די קניה בראדזשען מיר אין בלוט, און דער קאָפּ דרעהט זיך פון דעם רויטען וויין. ווי מיינע פיינע קינדער רופען עס אין א גלייכוואָרט. טרינקען דעם שונא'ס בלוט — איז גאָר ניט אזא נארישער מנהג, ווי מיר מיינען: זיי האָבען געוואוסט, וואָס זיי האָבען געטהון"...

..."א ראָב שרייט — הערסטו: א ראָב שרייט. פון וואנען האָבען זיי זיך גענומען אזוי פיעל? דער הימעל ווערט שווארץ פון זיי, זיי זיצען אינאיינעם מיט אונז, זיי האָבען שוין גאָר קיין מורא ניט, אומעטום בעגלייטען זיי אונז, — און שטענדיג זיינען מיר אונטער זיי, ווי אונטער א שירעם פון שווארצע קריזשעוועס, ווי אונטער שווארצע בלעטער פון א בעוועגליכען בוים. איינער איז אריינגעקראָכען גלייך מיר אין פּנים אריין און האָט געוואָלט א פּיק טהון — ער האָט געמיינט מסתמא, אז איך בין טויט. א ראָב שרייט, און דאָס מאכט מיר אביסעל אומרוהיג. פון וואנען נעהמען זיי זיך אזוי פיעל?"

..."נעכטען האָבען מיר אויסגעקוילעט שלעפעריגע. שטיל, אויף די שפּיצפינגער האָבען מיר זיך אונטערגע'גנב'עט, מיר זיינען אזוי חיטרע און פארזיכטיג געקראָכען, אז מיר האָבען קיין טויטען א ריהר ניט געטהון, קיין איינציגען ראָב ניט אראָבגעטריבען. ווי די שאטענס האָבען מיר זיך גע'גנב'עט און די נאכט האָט אונז פערשטעלט, איך אליין האָב דעם טשאסאָוואָי אראָבגענומען: כ'האָב איהם אומגעוואָרפען און דערשטיקט מיט די הענד, ס'זאָל קיין געשריי ניט זיין. פערשטעהסטו: דער קלענסטער גערויש — און אלץ וואָלט געווען פערשפּיעלט. נאָר ער האָט קיין פּיפּס ניט

געטהון. ער האָט, דאַכט זיך, אַפּילו קיין צייט ניט געהאַט צו טרעפען, אַז מען הר׳געט איהם.

ביי צאַנקענדיגע קאַסטיאַרען זיינען זיי אַלע געשלאָפען, רו־היג, ווי אין דער היים אויף זייערע בעטען. איבער אַ שעה האָבען מיר זיי געקוילעט, און נאָר עטליכע האָבען אוֹספּייעט זיך אויפ־חאַפּען איידער זיי האָבען דעם קלאַפּ בעקומען. געקוויטשעט האָ־בען זיי, און האָבען, נאַטירליך געבעטען מען זאָל אויף זיי רחמנות האָבען. איינער האָט מיר פון דער לינקער האַנד אַ פינגער אָב־געביסען, און איך האָב איהם דעם קאָפּ אַראָבגעדרעהט; ווי מיינסטו, מיר האָבען זיך אויסגעגלייכט? ווי האָבען זיי זיך עס אַלע ניט אויפגעכאַפּט! מען האָט געהערט ווי ביינער קנאַקען און פלייש ווערט געהאַקט, נאָכדעם האָבען מיר זיי אויסגעטהון נאַקעט און האָבען זיך צוטיילט מיט זייערע קליידער. פריינד, בייזער זיך ניט פאַר קיין וויץ. דו, מיט דיין מפונק׳עריי, וועסט זאָגען, אַז דאָס שמעקט מיט רציחה, נאָר מיר אַליין זיינען כמעט נאַקעט, לחלוטין אָבגעטראָגען. איך אַליין טראָג שוין לאַנג עפּעס אַ ווייבערשע קאָפ־טע און האָב מעהר אַ פּנים פון אַ... איידער פון אַ אָפיציער פון אַ זיעגרייכער אַרמעע.

מחשבות, דו ביזט, דאַכט זיך, אַ בעווייבטער, און דיר איז ניט נאָר בעקוועם צו לייענען אַזעלכע זאַכען, נאָר... דו פערשטעהסט? ווייבער. נעהמט עס דער טייוועל, יונג בין איך און בײנק נאָך ליעבע! ווארט — דאָס האָסטו געהאַט אַכלה? דאָס האָסטו עס מיר אַלץ געוויזען עפּעס אַ בילד פון אַ מיידעל, און געזאָגט, אַז דאָס איז אַ כלה, און דאָרט איז עפּעס טרויעריגס געווען אָנגעשריבען, אַזוי טרויעריג, אַזוי אומעטיג. און געוויינט האָסטו, דאָס איז שוין לאַנג געווען, איך געדענק עס אַזוי ווי דורכ׳ן שלאָף, אויף דער מלחמה ליעגען קיין צערטליכקייטען אין קאָפּ ניט. און געוויינט האָסטו, וועגען וואָס האָסטו געוויינט? וואָסערע טרויעריגע זאַכען זיינען עס דאָרט געווען אָנגעשריבען? און געוויינט האָסטו — אַלץ גע־וויינט, געוויינט... ווי שעהמט עס זיך ניט אַנ׳אָפיציער צו וויי־נען!"

. . . „אַ ראָב שרייט. הערסטו, פריינד : אַ ראָב שרייט, וואָס דאַרף ער ?"...

ווייטער זיינען די שורות אָבגעמעקט, און די אונטערשריפט האָט מען לייענען ניט געקענט.

וואונדערבאַר : די אַלע אומגעקומענע האָבען אין מיר אפילו דאָס קלענסטע מיטלייד ניט אַרויסגערופען, זעהר קלאָר האָב איך זיך פאַרגעשטעלט זיין געזיכט, אין וועלכען ס'איז אַלץ געווען ווייך און צאַרט, ווי ביי אַ פרוי : די פאַרב אין די באַקען, די קלאָרקייט און פריהמאָרגענדיגע פרישקייט אין די אויגען, דאָס בערדעל אזוי פוכיג און צאַרט, אַז אַ פרוי אפילו וואָלט זיך געמעגט אויספוצען דערמיט. ער האָט ליעב געהאַט ביכער, בלומען און מוזיק, פאַר גראָבקייט האָט ער געציטערט און האָט שירים געשריבען — דער ברודער, אַלס קריטיק, האָט פערזיכערט, אַז ס'איז געווען גוטע שירים, און דערמיט, וואָס איך האָב געוואוסט און געדיינקט, האָט זיך בשום אופן ניט געקלעפּט ניט דער שרייעדיגער ראָב, ניט די בלוטיגע שחיטה, ניט דער טויט.

. . . אַ ראָב שרייט...

און פּלוצלונג איז מיר אויף איין משוגענער, גליקליכער מינוט קלאָר, אַז ס'איז אַלץ ליגען, ס'איז גאָר קיין מלחמה ניטאָ, ניטאָ ניט קיין גע'הרג'עטע, ניט קיין טויטע קערפּער, ניט דער שרעק, וואָס נעהמט זיך פון דעם צורודערטען, הילפסלאָזען גדאַנקען. איך ליעג אויפ'ן רוקען און שלאָף, און ס'פּלאָנטערט זיך מיר אַ מורא'דיגער חלום ווי קינדוויז : און אָט די שטילע אומעטיגע צימערן, וואָס דער טויט און דער שרעק האָבען חרוב געמאַכט און איך אַליין עפּעס מיט אַ בריעף אין די הענד. דער ברודער לעבט, און אַלע זיצען זיי ביי טהעע און ס'הערט זיך ווי דאָס געפעס קלאַפּט.

... אַ ראָב שרייט...

ניין, דאָס איז אמת, אומגליקליכע ערד, דאָס איז דאָך אמת, אַ ראָב שרייט. דאָס האָט ניט אויסגעטראַכט אַ פּוסט שרייבערל, וועלכער זוכט וואָלוועלע עפעקטען ; דאָס איז ניט קיין פאַנטאַזיע פון אַ משוגענעם, וואָס האָט דעם שכל פערלאָרען. אַ ראָב שרייט. וואו איז מיין ברודער ? אַ שטילער, אַ אָרענטליכער איז ער געווען

און האָט קיינעם קיין שלעכטס ניט פערלאַנגט. וואו איז ער? איך פרעג אייך, פערשאָלטענע רוצחים; אָפען, פאר דער גאַנצער וועלט אין די אויגען פרעג איך אייך, פערשאָלטענע רוצחים, ראַבען, וואָס זיצען אויף נבלות אומגליקליכע, אויפ׳ן שכל געפאַלענע חיות. איהר זענט רויב־חיות. פאר וואָס האָט איהר גע׳הרג׳עט מיין ברו־דער? א פאטש אין פנים וואָלט איך אייך געגעבען, וואָלט איהר נאָר א פנים געהאט, איהר האָט אָבער קיין פנים ניט, א שנוק פון א רויב־טהיער האָט איהר, איהר פערשטעלט זיך פאר מענשען, נאָר פון אונטער אייערע הענטשקעס זעה איך נעגעל, פון אונטערן הוט — א פלאַטשיגען שאַרבען פון א חיה; פון אייערע קלוגע רייד הער איך א בעהאַלטען משוגעת. וואָס קלינגט מיט פערראָצטע קייטען, און מיט די גאַנצער מאכט פון מיין צער, מיין אומעט, מיינע בע־שמוצטע געדאַנקען.. פערשילט איך אייך, אומגליקליכע, נאַרי־שע חיות.

19טע קאַפּיטעל.

...פון אייך ערוואַרטען מיר א בענייט לעבען!

האָט געשריען א רעדנער, מיט גרוים מאַטערניש זיך האַלטענ־דיג אויף א קלעצעל, באַלאַנסירענדיג מיט די הענד און שאָקלענדיג א פאָהן אויף וועלכער ס׳זיינען געווען אויפגעשריבען: „אראָב די מלחמה״.

— איהר, יונגע, איהר, וואָס איהר האָט נאָך אייער לעבען פאר זיך, פערהיט זיך אין די קומענדיגע דורות פון דעם שרעק, פון דעם משוגעת. ניטאָ קיין כחות אריבערצוטראָגען, בלוט פערגיסט די אויגען, דער הימעל פאַלט אויף די קעפּ. די ערד ברעקעלט זיך אונטער די פיס, גוטע מענשען...

די מאַסע האָט משונה געברומט, און דאָס קול פון דעם רעדנער איז מינוטענווייז פערשוואונדען אינ׳ם לעבעדיגען, מורא׳דיגען טומעל.

— ...זאָל זיין איך בין משוגע, נאָר איך רייד אמת, מיין פאָ־טער און מיינער א ברודער פוילען דאָרט ווי די נבלות. מאכט קאסטיארען, גראָבט אוים גריבער און ראָט אוים, פערגראָבט דעם

געוועהר. צושטערט די קאַזאַרמעס, נעהמט אראָב פון די מענשען אַט די בלישטשענדיגע, משוגענע קליידונג, רייסט זי אראָב, ניטאָ קיין כחות אריבערצוטראָגען... מענשען שטאַרבען...

עפּעס איינער אַ הויכער האָט איהם אַ זעץ געטהון און אראָפּגעוואָרפען פון קלעצעל; נאָך איינמאָל האָט זיך די פאָהן אויפגעהויבען און אראָבגעפאַלען, איך האָב ניט אוספּייעט דאָס פּנים פון דעם הויכען צו בעטראַכטען, ווייל די מינוט איז פון אַלץ געוואָרען אַ תהו ובוהו. אַלץ האָט זיך אָנגעהויבען בעוועגען, רוישען און זיין אויפגערעגט; אין דער לופט זיינען געפלויגען שטיינער, שייטען האָלץ, איבער די קעפּ האָבען זיך אויפגעהויבען הענד, וועלכע האָבען עמיצען געשלאָגען, ווי אַ לעבעדיגע, רוישענדע חוואַליע, האָט מיך די מאַסע אויפגעהויבען, אַוועקגעטראָגען עטליכע טריט, מיך אַ שטאַרקען קלאַפּ געטהון אין אַ פּאַרקאַן, אראָפּגעטראָגען צוריק און צום סוף צוגעקוועטשט מיך צו אַ הויכען סטויג האָלץ, וואָס אָט אָט פאַלט ער איין אויפ'ן קאָפּ, אַזוי אויסגעבויגען איז ער געווען. אָפּט און טרוקען האָט עפּעס אָנגעהויבען קנאַקען און שנעלען אין די קלעצער; אַ מינוט שטיל — גלייך ווי די נאַטור וואָלט געברומט... און נאָך אַמאָל הערט זיך אַ אָפּט, טרוקען קנאַקען, און עמיצער איז געפאַלען נעבען מיר, און פון די רויטע לעבער אַנשטאָט אויגען, האָט זיך געגאָסען בלוט, און אַ שווערער שייט האָלץ, דרעהענדיג זיך אין דער לופט, האָט מיך מיט איין עק אַ קלאַפּ געטהון אין פּנים, איך בין געפאַלען, אַוועקגעקראָכען ערגעץ־וואוהין צווישען די טופּענדיגע פיס, און זיך ארויסגעקראָבקעט אויפ'ן פרייען, נאָכדעם האָב איך עפּעס איבער פּאַרקאַנס געקלעטערט, אראָב געריסען זיך אַלע נעגעל, און ארויפגעקראָכען אויף אַ סטויג האָלץ; איינער האָט זיך אונטער מיינע פיס צושאָטען און איך האָב זיך אראָבגעקייקעלט אינאיינעם מיט די קלעצער. קוים מיט צרות האָב איך זיך ארויסגעקליבען פון עפּעס אַ פיערקאַנטיגען ווינקעל — און אונטער מיר, ווי אָניאָגענדיג מיך, האָט אַלץ נאָך געראַשט, געברומט, געקוויטשעט און געקנאַקט. אַ גלאָק האָט ערגעץ־וואו געקלונגען; עפּעס איז איינגעפאַלען ווי אַ פינף עטאַזשיגעס הויז וואָלט איינפאַלען. דער פאַרנאַכט האָט זיך ווי אַבגעשטעלט

און די נאַכט ניט צוגעלאָזט, און אויף יענער זייט האָבען זיך דער רעש און די שיסעריי ווי אין רויטען ליכט אָבגעטובלט און האָבען דאָס פינסטערניש אָבגעטריבען. אַראָבשפּרינגענדיג פון'ם לעצטען פאַרקאַן, האָב איך זיך געפונען עפּעס אין א שמאָל קרום געסעל, וואָס איז עהנליך געווען צו אַ קאָרידאָר צווישען צוויי טויבע ווענט ; איך האָב אָנגעהויבען לויפען, און לאַנג, לאַנג בין איך געלאָפען, נאָר ס'האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דאָס געסעל האָט קיין אויסגאַנג ניט : אַ פאַרקאַן האָט עס פערצוימט, און אויף יענער זייט פאַרקאַן האָבען זיך ווייטען געצויגען רייהען מיט סטויגען האָלץ, און נאָכאַמאָל בין איך איבער די ריהרעוודיגע, שפּיציגע הויפענס געקראָכען, אַריינגעפאַלען עפּעס אין ברונעם, וואו ס'איז געווען שטיל און ס'האָט געשמעקט מיט פייכטע האָלץ, און נאָכאַמאָל בין איך אַרויפגעקלעטערט אויבען און האָב מורא געהאַט זיך אומצוקוקען צוריק : איך האָב אַזוי אויך געוואוסט, וואָס דאָרטען טהוט זיך, איך האָב געזעהן פון דעם רויטען אבשיין, וואָס איז געפאַלען אויף די שוואַרצע קלעצער, און האָט זיי עהנליך געמאַכט צו געהרג'עטע ריזען. פון דעם צושלאָגענעם פּנים האָט דאָס בלוט אויפגעהערט רינען, און עס איז ווי פערשטומט, ווי פרעמד געוואָרען ווי אַ גיפּסענע מאַסקע ; און דער וועהטאָג האָט כמעט אין גאַנצען אויפגעהערט, דאַכט זיך, אַז אין איינעם פון די שוואַרצע גראָבענס, וואוהין איך בין אַריינגעפאַלען, איז מיר געוואָרען זעהר ניט גוט און איך האָב פערלאָרען אַלע חושים, נאָר איך וויים ניט, צו איז עס טאַקי אין אמת'ן אַזוי געווען אָדער עס האָט זיך מיר נאָר אויסגעוויזען, ווייל איך געדיינק זיך נאָר לויפענדיג.

נאָכדעם האָב איך זיך לאַנג אומגעדרעהט איבער אונבעקאַנטע גאַסען, וואו קיין לאַמטערנס זיינען ניט געווען, צווישען שוואַרצע, פונקט ווי אויסגעשטאָרבענע הייזער, און האָב זיך בשום אופן ניט געקענט אַרויסדרעהען פון דעם שטומען לאַבירינט. איך וואָלט זיך געדאַרפט אָבשטעלען, אַרומקוקען זיך, כדי בעטראַכטען וואוהין צו געהן, נאָר דאָס איז ניט מעגליך געווען צו טהון : נאָך מיר, אפילו וויים נאָך, נאָר אָניאָגענדיג מיך האָט זיך געטראָגען דאָס קנאַקען און דאָס ברומען ; צומאָל, וואו מען האָט אומגעריכט געדאַרפט

פערקירעוועז, פלעגט ער מיך א רויטער, איינגעהילטער אין ראָזע־ווען געדיכטען רויך, א פּאַטש טהון אין פּנים, און דעמאָלט פלעג איך זיך אומקעהרען צוריק, זיך ווייטער אומבלאָנקען אַזוי לאַנג, ביז וואַנען ער האָט זיך מיר ווידער געשטעלט אונטער די פּלייצעס, אויף איין ווינקעל האָב איך דערזעהען א ברייטע פּאַס ליכט, וועלכער איז פערלאָשען געוואָרען באַלד ווי איך בין צוגעגאַנגען: דאָס האָט מען אויף גיך צוגעמאַכט עפּעס א מאַגאַזין, דורך דעם ברייטען שפּאַלט האָב איך נאָך געזעהען א שטיקעל סטאַיקע און א פעסעל, און מיט איין מאָל האָט זיך אַלץ איינגעהילט אין א שטילער, איינגעהאַלטענער פינסטערניש. ניט ווייט פון מאַגאַזין האָב איך געטראָפען א מענשען לויפענדיג מיר אַנטקעגען. אין דער פינסטער האָבען מיר זיך שיעור ניט צונויפגעשטויסען, און זיינען שטעהן געבליבען ווייט א פּאָר טריט איינער פון'ם אַנדערען. איך ווייס ניט, ווער ער איז געווען: איך האָב נאָר געזעהן א פינסטער און פאַרזיכטיג געביין.

— קומסט פון דאָרטען? — האָט ער געפרעגט.

— פון דאָרטען.

— וואוהין לויפסטו?

— אהיים.

— אזוי! א היים?

ער איז אַנשוויגען געוואָרען און פּלוצלינג זיך א וואָרף געטהון אויף מיר און האָט געוואָלט ניט אַנדערש ווי אומוואַרפען מיך צו דער ערד, און זיינע קאַלטע פינגער האָבען גיעריג געטאַפּט מיין האַלז, נאָר זיי האָבען זיך געפלאָנטערט אין די קליידער. איך האָב איהם א ביס געטהון אין האַנד, זיך אַרויסגעריסען און אַנטלאָפען, און לאַנג איז ער מיר נאָכגעלאָפען דורך די פוסטע גאַסען, הויך קלאַפּענדיג מיט די שטיוועל. נאָכדעם איז ער אָבגעשטאַנען.. מסתמא האָט איהם דער ביס וועה געטהון.

איך ווייס ניט ווי אַזוי איך האָב געטראָפען אין מיין גאַס, דאָ זיינען אויך קיין לאַמטערנס ניט געווען, און די הייזער זיינען געשטאַנען אָהן איין איינציג פייערל, ווי טויטע, און איך וואָלט זי אויך דורכגעלאָפען, ניט דערקענענדיג זי, ווען איך וואָלט צופעליג

נים אויפגעהויבען די אויגען, און ניט דערזעהען מיין שטוב. נאָר לאַנג האָב איך זיך געשלאָגען מיט דער דעה: דאָס איינענע הויז, וואו איך האָב אזוי פיעל יאָהר געלעבט, האָט מיר אויסגעזעהען פרעמד אויף דער מאָדנער טויטער גאַס, וואו מיין הויך אָטעמען האָט געוועקט אַ טרויעריג, אונגעוועהנליך ווידער־קול. נאָכדעם האָט מיך אָנגענומען אַ ווילדער שרעק מיינענדיג, אז איך האָב דעם שליסעל פערלאָרען, חאָטש ער איז געווען דערביי, אין דער אויבערשׁ־טער קעשענע, און אז איך האָב אַ דרעה געטהון דעם שלאָס, האָט אַ ווידער־קול איבערגע׳חזר׳ט דעם הילך אזוי הויך און אונגעוועהנ־ליך, גלייך ווי ס׳וואָלטען זיך מיט אמאָל אויפגעעפענט די טהירען פון דער גאַנצער גאַס אין אַלע טויטע הייזער.

...תחילת האָב איך זיך בעהאַלטען אין קעלער, נאָר באַלד איז אויף מיר געפאַלען אַן אימה, אַן אומעט און עפּעס האָט אָנגע־הויבען שוועבען פאַר די אויגען, און איך האָב זיך שטילערהייד ארויס־בערגעקליבען אין די צימערען. טאַפּענדיג, אין דער פינסטער, האָב איך אַלע טהירען פערשפּאַרט, און בעטראַכטענדיג זיך אביסעל, איז ביי מיר געבליבען זיי צו פערשטעלען מיט שטולען, נאָר דאָס אָב־הילכען פון דעם איבערגערוקטען האָלץ איז געווען צו הויך אין די פּוסטע צימערן און האָט מיך אָנגעשראָקען.

— וועל איך אזוי וואַרטען אויף דעם טויט. עס איז דאָך אַלץ איינס, — האָב איך מיר געזאָגט.

אין דער וואַש־שיסעל איז נאָך געווען וואַסער, זעהר וואַרימע, און טאַפּענדיג האָב איך זיך אָבגעוואַשען און ארומגעווישט. דאָרט, וואו דאָס פּנים איז געווען צושלאָגען, האָט זעהר געביסען, און מיר האָט זיך פערוואָלט אַ קוק טהון אויף זיך אין שפּיגעל. איך האָב אָנגעצונדען אַ שוועבעלע — און ביי איהר פלאַטערדיגען, שוואַך אויפברענענדיגען ליכט, האָט אויף מיר פון דער פינסטער אַ קוק געטהון עפּעס אזוינס, אזא אומגעלומפּערטעס און שרעקליכעס, אז איך האָב באַלד אַ וואַרף געטהון דאָס שוועבעלע אויף דער ערד, דאכט זיך, די נאָז איז געווען איבערגעבראָכען.

— איצטער איז אַלץ איינס — האָב איך אַ טראַכט געטהון — קיינער דאַרף עס ניט.

און מיר איז פרעהליך געוואָרען. מיט מאָדנע מינעס און גרי־מאַסען, אַט ווי איך וואָלט אין טהעאטער אַ גנב פאַרגעשטעלט, בין איך אוועק צום בופעט, און אָנגעהויבען זוכען שריים פון עסען. איך האָב זעהר גוט פערשטאַנען, אַז די אַלע גרימאַסען זיינען דאָ ניט אויף זייער אָרט. נאָר מיר איז אַזוי געפעלען. און געגעסען האָב איך אויך מיט די אייגענע גרימאַסען, פאַרשטעלענדיג זיך כלומרשט... אַז איך בין אַ גרויסער זולל וסובא.

נאָר די שטילקייט און דער חושך האָבען מיר געשראָקען. איך האָב אויפגעעפענט אַ פאָרטקע צום הויף, און האָבען אָנגעהויבען זיך צוהערען. תחלת, מסתמא דערפאַר, וואָס דאָס פאַהרען אין גאַס האָט אויפגעהערט, האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז ס'איז גאָר שטיל. קיין שיסעריי איז אויך ניט געווען, נאָר גיך האָב איך אָנ־געהויבען פערנעהמען אַ ווייטעס גערויש פון שטימען, קולות, אַ קנאַקעריי פון עפּעס וואָס פאַלט איין אין געלעכטער. די טענער זיינען אַלץ שטאַרקער געוואָרען. איך האָב אַ קוק געטהון אויפ'ן הימעל: ער איז געווען פורפורדיג און האַסטיג געלאָפען. אין דער שטאָל אַנטקעגען מיר, און דער בריק אויפ'ן הויז און די קאַנורע פונ'ם הונד זיינען געווען אָבגעפּאַרבט מיט דעם אייגענעם, רויטלי־כען ליכט, שטילערהייד האָב איך דורכ'ן פענסטער גערופען דעם הונד:

— נפטון!

נאָר אין קאַנורע האָט זיך קיין זאַך ניט גערירט. און דערביי האָב איך אינ'ם רויטליכען ליכט בעמערקט אַ שטיקעל בליצעדיגע קייט. דער ווייטער טומעל און דאָס קנאַקען פון עפּעס, וואָס פאַלט איין איז אַלץ געוואַקסען און געוואַקסען, און איך האָב די פאָרטקע פערמאַכט.

— מען געהט אהער! — איז מיר איינגעפאַלען, און האָב אָנ־געהויבען זוכען וואו זיך צו בעהאַלטען. איך האָב געעפענט דעם אויוועז, אָנגעטאַפּט דעם קאַמין, אויפגעעפענט דעם שאַף, דאָס האָט אָבער אַלץ ניט געטויגט. איך בין אויסגעגאַנגען אַלע צימערן, אַ חוץ דעם קאַבינעט, וואוהין איך האָב ניט געוואָלט אַ קוק טהון. איך האָב געוואוסט, אַז דאָרט זיצט ער אין זיין שטוהל ביים טיש,

וואָס איז פערוואָרפען מיט ביכער, און איצט וואָלט עס מיר אונ־אנגענעהם געווען.

ביסלעכווייז האָט זיך מיר אָנגעהויבען אויסווייזען, אז ניט אייּ־נער אליין געה איך דאָ אום : ארום מיר, שטילערהייד אין דער פינסטער בעוועגען זיך נאָך עפּעס מענשען. זיי האָבען מיך כמעט ווי אָנגעריהרט, און איין מאָל איז עמיצענס א קאלטער הויך געפאַ־לען אויף מיין קארק.

— ווער איז דאָ ? — האָב איך שעפּטשענדיג געפרעגט, נאָר קיינער האָט ניט געענטפערט.

און אז איך האָב זיך נאָכאמאָל געלאָזט געהן, זיינען זיי שטילע און מאוים׳דיגע, מיר נאָגעגאנגען. איך האָב געוואוסט, אז דאָס ווייזט זיך מיר אזוי אויס, ווייל איך בין קראנק, אז ביי מיר הויבט זיך מסתמא אָן היץ, נאָר איך האָב ניט געקענט גובר זיין דעם שרעק פון וועלכען דאָס לייב ציטערט ווי אין קעלט. איך האָב א טאָפּ גע־טהון דעם קאָפּ : ער איז געווען הייס ווי פייער.

— כ׳וועל שוין בעסער געהן אהין, — האָב איך א טראכט גע־טהון. — ער איז פאָרט אנ׳אייגענער מענש.

אין זיין שטוהל איז ער געזעסען, ביים טיש וואָס איז געווען אָנגעוואָרפען מיט ביכער, און איז ניט נעלם געוואָרען, ווי דער־מאָלט ; איצט איז ער זיצען געבליבען. דורך די אראָבגעלאָזטע גארדינען האָט זיך א רויטליכעס ליכט אין צימער אריינגע׳גנב׳עט, עס האָט אָבער קיין זאך ניט בעלויכטען, און איהם האָט מען קוים געזעהען. איך האָב זיך געזעצט אויפ׳ן זאָפע, אין א זייט, און האָב אָנגעהויבען צו ווארטען. אין צימער איז שטיל געווען, נאָר פון דאָרט האָט זיך געהערט א רויש, א קנאקען פון עפּעס וואָס פאלט איין אין איינציגע קולות, און זיי זיינען אלץ נעהנטער געוואָרען. און דאָס רויטליכע ליכט איז אלץ שטארקער געוואָרען, און איך האָב איהם שוין געזעהען זיצענדיג אין זיין שטוהל : שווארץ, א טשוגו־נענער פּראָפיל, ארומגענומען מיט א שמאָלען רויטען פּאס.

— ברודער ! — האָב איך געזאָגט.

נאָר ער האָט געשוויגען, ניט ריהרענדיג זיך און שווארץ ווי א מצבה. אין דערבייאיגען צימער האָט עפּעס א קנאק געטהון,

און מיט אמאָל איז אזוי אונגעוועהנליך שטיל געוואָרען. ווי עס איז נאָר שטיל דאָרט וואו עס זיינען דאָ א סך טויטע. אַלע טענער זיינען אָבגעשטאָרבען, און דאָס רויטליכע ליכט גופא האָט בעקו־מען א מאָדנע טויטליכע און שטילע פארב, איז געווען אונבעוועג־ליך און טונקעל. איך האָב געמיינט, אז פון ברודער טהוט עס זיך די שטילקייט, און האָב עס איהם געזאָגט.

— ניין, דאָס איז ניט פון מיר, — האָט ער געענטפערט. גיעב א קוק אין פענסטער.

איך האָב אויפגעהויבען די גאַרדינען — און אָבגעשפּרונגען.

— איז גאָר אָט וואָס! — האָב איך געזאָגט.

רוף אהער מיין ווייב: זי האָט עס נאָך ניט געזעהן, — האָט דער ברודער געהייסען.

אין עס־צימער איז זי געזעסען און עפּעס גענייט, און דער־זעהענדיג מיין פּנים האָט זי זיך געהאַרכזאַם אויפגעהויבען, אריינ־געשטעקט די נאָדעל אין גענייי און איז נאָכגעגאַנגען. איך האָב אין אַלע פענסטער פערצויגען די גאַרדינען, און דורך די ברייטע שפּאַלטען האָט זיך דאָס רויטליכע ליכט פריי געגאָסען, נאָר אין צימער איז עפּעס אַלץ ניט ליכטיגער געוואָרען: עס איז געבליבען אזוי פינסטער ווי געווען, נאָר די פענסטער האָבען זיך אונבעוועגט ווי געברענט אין רויטע גרויסע פּיערקאַנטיגע שטיקער.

מיר זיינען צוגעגאַנגען צום פענסטער, פון דער וואַנט פון הויז, פון'ם קארניז אָן האָט זיך אָנגעהויבען ווי איין גאַס א פייערדיג־רויטער הימעל, אָהן וואָלקען, אָהן שטערען, אָהן דער זון און האָט זיך געצויגען אויף יענער זייט האָריזאָנט. און אונטען, אונטער איהם, איז געלעגען א גלייך פינסטער רויט פעלד און בעדעקט איז עס געווען מיט מתים. נאַקעט זיינען אַלע מתים געווען און זיינען געלעגען מיט די פיס צו אונז, אזוי אז מיר האָבען נאָר געזעהען די פּיאַטעס פון די פיס און דריי קאַנטיגע קעפּ. און שטיל איז געווען .. א פּנים, אַלע זיינען געשטאָרבען און קיין פערגעסענע זיינען אויף דעם אונענדליכען פעלד ניט געווען.

— זיי ווערען אַלץ מעהר, — האָט דער ברודער געזאָגט. ער איז אויך געשטאַנען ביים פענסטער, און אַלע זיינען דאָ געווען:

די מאַמע, די שוועסטער און אַלע, וואָס האָבען געוואוינט אין דעם הויז. זייערע פּנים'ער האָט מען ניט געזעהען, נאָר אין קול האָב איך זיי דערקענט.

— דאָס איז דאכט זיך, — האָט די שוועסטער געזאָגט.

— ניין, אמת. גיעב נאָר אַ קוק.

אמת, ס'זיינען דאכט זיך אַלץ מעהר טויטע צוגעקומען. אויפמערקזאַם האָבען מיר געזוכט די סבה דערפון און האָבען דערזעהען: דערביי נעבען אַ טויטען, וואו ס'איז פריהער אַ ליידיג אָרט געוועז, איז פּלוצלינג געוואָרען אַ טויטער: מסתמא האָט זיי די ערד ארויסגעוואָרפען. און אַלע ליידיגע ערטער זיינען מיט אמאָל פול געוואָרען, און ניך איז די גאַנצע ערד בעלויכטען געוואָרען פון בלאַסראָזאָווע קערפּערס. וואָס זיינען שורות־וויז געלעגען, מיט די פּיאַטקעס צו אונז, און אין צימער האָט אָנגעהויבען לייכטען אַ בלאַס־ראָזאָווע טויטע ליכט.

— קוקט, עס קלעקט זיי קיין פּלאַץ ניט, — האָט דער ברודער געזאָגט.

די מאַמע האָט געענטפערט:

— איינער איז שוין דאָ.

מיר האָבען זיך אומגעקוקט: הינטער אונז אויף די פּאָדלאָגע, איז געלעגען אַ נאַקעטער, בלאַס־ראָזאָווער קערפּער מיט אַ פערוואָרפּענעם קאָפּ. און באַלד האָט זיך נעבען איהם בעוויזען אַ צווייטער און אַ דריטער, און איינעם נאָכ'ן אַנדערען האָט זיי די ערד ארויסגעוואָרפען, און באַלד זיינען אַלע צימערען פול געוואָרען מיט גלייכע שורות בלאַס־ראָזאָווע טויטע קערפּער.

— זיי זיינען אין קינדער־צימער אויך דאָ, — האָט געזאָגט די ניאַנקע. — כ'האָב געזעהען.

— מ'דאַרף אוועקגעהן, — האָט די שוועסטער געזאָגט.

— ס'איז דאָך ניטאָ קיין דורכגאַנג, — האָט זיך דער ברודער אָבגערופען. — קוקט.

אמת, מיט די נאַקעטע פיס האָבען זיי שוין אונז אָנגעריהרט און זיינען געלעגען געדיכט, אַ האַנד צו אַ האַנד. און אָט האָבען זיי אַ ריהר געטהון און אַ ציטער געטהון, און אויפגעהויבען האָבען

זיי זיך אויך אין גלייכע שורות : דאָס זיינען נייע מתים פון דער ערד ארויסגעגאַנגען און זיי אויפגעהויבען אין דער הויך.

— זיי ווע̇לען אונז דערשטיקען ! — האָב איך געזאָגט. — לאָמיר זיך ראַטעווען דורכ'ן פענסטער.

— אַהין קען מען ניט ! — האָט דער ברודער א געשריי געטהון, אַהין קען מען ניט, קוק וואָס דאָרט איז !

. . . אונטערן פענסטער, אין רויטליך אונבעוועגליכען ליכט איז געשטאַנען דער רויטער גע̇לעכטער אַליין.

פאלגענדע ביכער זיינען שוין ערשיענען

ד ע ר פ א ט ע ר

טראגעדיע און דריי אקטען פון אויגוסט סטרינדבערג

פרייז 25 סענט

ק א מ ע ר א ד ע ן

א קאמפף צווישען געשלעכטער

א בילד פון ליעבע, הייראטה און פאמיליען־פערדארבענהייט

פון אויגוסט סטרינדבערג — פרייז 20 סענט

ד ע ר ט ו י ט ע ן ־ ט א נ ץ

פון אויגוסט סטרינדבערג — פרייז 25 סענט

ד ע ר ו ו א מ פ י ר

פון אויגוסט סטרינדבערג — פרייז 15 סענט

מ ו ט ע ר ל י ע ב ע

פון אויגוסט סטרינדבערג — פרייז 8 סענט

די שטאַרקערע

א קאמפף צווישען צוויי פרויען, פון אויגוסט סטרינדבערג

פרייז 7 סענט

דער געשמיעדעטער פראמאטעאוס

גריכישע טראגעדיע געשאפען מיט 475 יאהר פאר קריסטוס

פון איסכילאָס — פרייז 15 סענט

ראָזענבלאט'ס פּאָעטישע ליעדער און געדיכטע

פרייז 25 סענט

קארטען שפיעל

א ראָמאן פון ליעבע און ליידענשאפט, פון מאיר בלינקין

פרייז 25 סענט

דער ליגען פון דער התונה

פון דר. מאקס נאָרדוי — פרייז 15 סענט

סאָציאַליזמוס אין בית המדרש

פון ל. ראָזענצווייג — פרייז 10 סענט

טיפען און בילדער

ערצעהלונגען און פאָרלעזונגען, פון אב. באראף — פרייז 50 סענט

אין די שטורם טעג

דראמא אין 4 אקטען פון, מרים קארפילאוו — פרייז 15 סענט.

וואָס די גרעסטע דענקער זאָגען וועגען סטרינדבערג'ס טראַגעדיע „דער פּאַטער“.

דער פּאַטער איז די גרעסטע טראַגעדיע וואָס ס'איז געשאַפען געוואָרען פאַר'ן לעצטען יאהרהונדערט. — געאָרג בראַנדעס.

(אויסצוג פון זיין בוך איבער סטרינדבערג.)

דער פּאַטער איז איינע פון די וויניגע דראַמאַטישע ווערק, וועלכע האָט טיעף גערירט מיין האַרץ. — עמיל זאָלאַ.

(אויסצוג פון זיין פאָררעדע וואָס ער האָט געשריבען צו די פראַנצויזישע אויסגאַבע.)

סטרינדבערג וועט נאָך מיך איבערשטייגען. — העינריך איבסען.

(ווען ער האָט דורכגעלעזען זיין ווערק „דער פּאַטער“. אויסצוג פון דר. פּאול לוטענגער'ס קריטיק איבער סטרינדבערגען, וואָס איז געווען געדרוקט אין די „פרייע ארבייטער שטימע.)

מיר ראַטהען יעדען פון אונזערע לעזער צו לעזען סטרינדבערג'ס בעריהמטע טראַגעדיע „דער פּאַטער“. — ש. יאַנאָווסקי.

(אויסצוג פון א קריטיק איבער סטרינדבערג'ס „פּאַטער“, וואָס איז געווען געדרוקט אין די „פרייע ארבייטערשטימע“.)